פרייז 25 גראָשען XV-ער יאָהרגאַנג — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. „Radomer-Kielcer Leben“ 29 (727) היינט 8 זייטען

ראַדאָמער-קעלצער לעבן

שבת דעם 23 און זונטאג דעם 24 יוני ה. י.
צוויי אויפטריטען אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי“
פון היינטיגען שמשון הגבור
יעקב קאזעלטשיק
דער נישט בעזיגטער וועלט-אטלעט, א מענש מיט שטיינערנע מוסקולען, א מענש מיט א כח פון א מאשין.
אנפאנג 9 אָווענד. בילעטען צו בעקומען ביי דער טעאטער - קאַסע שבת און זונטאַג.

אַבטײלונג פאַר קעלץ אויף זייט 7

Radom, dnia 22-go Lipca 1938 r.
ראַדאָם, פרייטאַג כ״ג תמוז תרצ״ח
טעלעפאָן פון רעדאַקציע 15 - 18

אַבטײלונג פאַר אָסטראָוויעץ, אָפּאַטאָוו, וויערזשבניק און סביבה — — אויף זייט 7

אַ הארציגען מזל טוב ווינשען מיר אונזער קוזין
אימשע בירענבוים
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **באַטשע בירענבוים**
דעם פערליבטען פּאָר א גליקליכען צוזאַמענלעבען און די עלטערען פיעל נחת.
ביילטשע און גיטמאַן קאַפּערוואַס

די בעסטע גליקווינשען דעם ה׳ **מאטל קארמאן**
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל.
העניע ראטשימארע
זאָל זייער צוזאַמענבונד זיין מיט מזל און הצלחה
ביילטשע און גיטמאַן קאַפּערוואַס

Koledze naszemu
Mietkowi Kormanowi
z intencji zaręczyn Jego
z p. **Henią Racimorówną**
Ostrowiec
życzą wiele szczęścia i pomyślności
Koledzy
H. Himelfarb
L. Lewińscy.

דאַנקזאַגונג.

מיר דריקען אויס אַ הארציגען דאַנק דעם חשוב׳ען נדבן ה׳ **וויענער** פון וואַשינגטאָן פאַר די געשאָנקענע 21 ליילעכער און 24 ציכלעך פאַר די אינסטיטוציעס מושב-זקנים און בית-יתומים. דעם זעלבען דאַנק דריקען מיר אויך אויס דעם חשוב׳ען לאַנדסמאַן **לייבּטשע גראַספעלד** פון באַלטימאָרע, פאַר זיין אינטערווענץ ביים ה׳ וויענער און פאַר די 12 דאָלאַר, וואָס ער האָט געשיקט אויף אויסצוקויפען די דערמאָנטע מתנה.

**די פערוואַלטונג
פון מושב-זקנים און בית-יתומים**
אין ראַדאָם.

Z intencji zaślubin
pana Mgr. *Kalmana Tajchmana*
— z p. —
Dynką Radzicką
najserdeczniejsze życzenia
składają
Dr. Jakub Minski
i Dr. Leon Minski.

מיר גראַטולירען הערצליך דעם ה׳ **דוד לעווי**
צו דער חאַכצייט מיט פרל. **רוזשע גאָלדבערג**
מיר ווינשען זיי גליק און צופרידענהייט
אויף זייער נייעם לעבענס-וועג
דער שניידער-צעך ווּיטאָלדאַ 10

מיינע בעסטע גליקווינשען דעם פריינד זינדעל ראַדושיצקי און פרוי
צו דער האָכצייט פון זייער טאָכטער
דינה׳לע מיט ה׳ קלמן טייכמאַן
מ. באַרמייסטער און פרוי

כ׳ווינש גליק דעם ה׳ דוד לעווי צו זיין האָכצייט מיט פרל.
רוזשע גאָלדבערג
מ. באַרמייסטער און פרוי.

בעקאַנטמאַכונג.

די געזעלשאַפט **„גמילת-חסד“** ביי דער יודישער קהלה אין ראַדאָם טראַאוגוטאַ 52 מאַכט בעקאַנט איהרע מיט-גלידער, דאָס **זונטאַג** דעם **24** יולי 1938 **6** אַ זייגער אָוו. קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל **אַ אויסערגעוועהנליכע**
אַלגעמיינע פערזאַמלונג
פון די מיטגלידער
טאָג-אָרדנונג:
בעהאַנדלונג און ענדערונג פאָלגענדע פאַראַגראַפען פון סטאַטוט: §§ 2, 9, 12 Lit. A i F 18, 19, 21 26 28 און 29.
מ׳בעט צו קומען פּינקטליך.
די פערוואַלטונג.

אַכטונג
ה״ה ווירטסלייט!

אַלע אַלטע צינק נאָך רעמאָנטען, ווי אויך אַלטע מעטאַלען קויפט און צאָהלט די בעסטע פרייזען די פירמע
ר. מאַרגאַליס ראַדאָם קאַזשעניצקאַ 6
ביטע אָנצוקלינגען אויפ׳ן טעלעפאָן 11—15, שיקען מיר זאָפאָרט אַרויס אַ מענש און מיר קויפען גלייך אויפ׳ן אָרט.

דינסטאַג איז געעפענט געוואָרען ביים האַנדווערקער-קלוב ווּיטאָלדאַ 10
אַ ערשטקלאַסיגער
בופעט
מיט׳ן פערשידענע צוקערוואַרגס און געשמאַקע עסענס.
יעדען טאָג פון 12 אַ זייגער וועלען אַרויסגעגעבען **פרישע מיטאָגער פון די בעסטע שפייזען**
ביינאַכט בעקומט מען קאָלאַציעס פון די פרישסטע פּראָדוקטן, די בעסטע געטראַנקען.
די קיך געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון אַ פּראָפעסיאָנעלען קאָך-מייסטער, אויסגעצייכענטער אָרקעסטער
קומט און איבערצייגט אייך.

קלמן וואלדמאן אָסטראָוויעץ **סאלע לעדערמאן** טשמיעלאָוו
פערלאָבט

ברכת מז״ט
בזה אנו מברכים את חברנו היקר
קלמן וואלדמאן
— לרגלו ארושיו עם העלמה —
סאלע לעדערמאן
בנו ביתכם בא״י מתוך עושר ואושר
שמואל ווישליצקי, פנחס שער,
ומשה ווארמאן

אויך מיר שיקען אונזערע הערצליכסטע מז״ט-וואונשען
דעם ה׳ **קלמן וואלדמאן**
צו זיין פערלאָבונג
שמואל ויסמאַן און **פרוי**
ישראל ראָזענבערג

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie Elektrycznym Sp. Akc. w Radomiu ul. Traugutta 53

Z DZWONKIEM
IDEAL JAWA
DOBRA KAWA

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גאַרדעראָבעס, שניי-ווייסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואַשען און פאַרבען אין דער בעקאַנטער
כעמישער פאַרבעריי און פּראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
A. HEMPEL
Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11
ווער ס׳האָט זיך ניט איבערצייגט זאָל פּרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער אונפּאַכמענישער ארבייט. ס׳ווערט אויך געוואַשען אויף טריקען — בּיליגע פרייזען! — פּינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאַנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
● צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפּיס. טעל 19-70
◆ פיליעס: זשעראָמסקי 1 טראַוגוטטאַ 11
● זשעראָמסקי 21, זשעראָמסקי 59
בּיליג צו וואַשען קאַפּעלושען

10 סאַלטיסען ; צוויי וואַיטן אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק

10 סאַלטיסען און צוויי וואַיטען פון דער ראַדאָמער אומגעגענד זענען בעשולדיגט געוואָרען אין אויספיהרען דעפּראַדאַציעס איבער מלוכה-שטייערן, וועלכע זענען איינגעצאָהלט געוואָרען פון די דאָרפישע איינוואוינער אין זייערע גמינעס.

די בעשולדיגונג געגען די סאַלטיסען און וואַיטען איז א רעזולטאַט פון א רעוויזיע פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע פון דער גמינע ראַגאָוו (ראַדאָמער פּאָוויאַט).

עהערנעכטען, מיטוואָך, איז אין היגען קרייז-געריכט בעטראַכט געוואָרען זייער פּראָצעס, וועלכער איז אָבגעלעגט געוואָרען, ווייל איינער פון די הויפּט-בעשולדיגטע דער וואַיט טושקאַ און אויך דער עקספּערט אין פּראָצעס, האָבען זיך נישט געשטעלט.

דער טייל סאַלטיסען מיט די וואַיטען ווערען בעשולדיגט אין צו'לקח'ענען איבער 7 טויזענד זלאָטעס.

דער יודישער גבור יעקב קאַזעלטשיק אין ראַדאָם.

היינטיגען שבת און זונטאָג טרעט אויף דער גרויסער יודישער גבור יעקב קאַזיעלטשיק, דער מענש מיט די שטיינערנע מוסקולען, שטאָלענע האָר און אייזערנעם ברוסט-קאַסטען, אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשסטי“, וואו ער וועט דעמאָנסטרירען זיינע אויסערגעוועהנליכע גבורות.

די פּרעסע שרייבט וועגען איהם ווינדערליכע זאַכען: ער בויגט די גרעסטע אייזענס ווי שטיקלעך דראָהט, נישט בלויז מיט די הענד, נאָר אויך מיט'ן קאָפּ, מיט די ציינער, אויף דער ברוסט און אויפ'ן קאַרק; אז אויפ'ן האַרץ האָט מען איהם צעהאַקט די גרעסטע שטיינער, ער האָט איינגעהאַלטען אין די ציינער א קאָוואַדלע פון 10 פּוד און ארומגעטאַנצט מיט איהר; 20 שטאַרקע מענשען האָבען אים נישט געקענט צורייסען די הענד; 10 מענשען האָבען זיך אָנגעהאָנגען פון ביידע זייטען אָן א גראָבער שטאָבע אייזען און איהר אויסגעבויגען אויף זיינע ציינער און באַלד נאָכדעם אויסגעגלייכט אויף זיין שטערן.

קאַזעלטשיק האָט נאָך א שעה'דיגען קאַמף בעזיגט דעם וועלט-מייסטער אין רינג-קאַמף, זבישקאָ ציגאַנעוויטש.

קאַזיעלטשיק האָט היינטיגע וואָך שפּאַצירט איבער די ראַדאָמער גאַסען און מיט זיין הערליכען קערפּער-געבוי און מיט זיינע פּרעכטיגען קנויל האָר צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע מענשען. ער זאָגט טאַקי, אז פּונקט ווי ביי שמשון הגבור ליגט אויך דער סוד פון זיינע איבערמענשליכער גבורה אין זיינע האָר.

אַנ׳צענטפער רעם חזן יאַפּפע.

מיר סימפּאַטיקער פון חזן ראַנטאַל ווילען ענטפערן דעם געעהרטען חזן יאַפּפע מיט זיין פרוי, אז דאָס וואָס איהר זענט נאָך נישט ערלעדיקט געוואָרען פון דער גמינע, ביי וועלכער אייך קומט א חוב פון 4000 זל. און דעריבער טאָר דער חזן ראַנטאַל נישט-צוגעהן צום עמוד – איז נישט קיין ריכטיגע טענה. אייך דינענט די רעכט צו מאָהנען דאָס געלד ביי דער גמינע. דאָס פערשטעהט יעדער, אָבער ס'איז נישט אויפ'ן אָרט אַרויסצוטרעטען צו פערביטען דעם חזן ראַנטאַל צו דאַווענען. פון אונז איז גאַנץ שעהן וואָס מיר האָבען אריינגעטראָגען אין דער גמינע 500 זל. געלד און אויף 500 זל. וועקסלען און אויך חזן ראַנטאַל גיעט פון זיין פּענסיע אַראָב 500 זל. ד"ה צוזאַמען 1500 זל. פאַר אייך ה' יאַפּפע. די וועקסלען זענען אזוי גוט ווי געלד. העכסטענס וועט איהר נאָך וואַרטען א צוויי מאָנאַטען. אדרבא, ווייזט אונז נאָך א שטאָדט, וואו מענשען זאָלען זיך בעשטייערן מיט געלד ווי ביי אונז אין ראַדאָם. מיר האָבען דאָס געטוהן דערפאַר, ווייל מ'האָט געהערט, אז מ'ברויך ערלעדיגען דעם זאַלטען חזן, האָט יעדער פון אונז פערשטאַנען, אז אזוי ברויכען מיר האַנדלען און מיר האָבען ערלעדיגט אויפ'ן בעסטען אופן. ה' יאַפּפע, איהר קענט צום חזן ראַנטאַל קיין שום פּרעטענזיע נישט האָבען.

די סימפּאַטיקער פון **חזן ראַנטאַל.**

וואָס איז מיט דער בוסק-אקציע פון דער «עזרה».

דער „לינת-הצדק“ האָט שוין רעיעסטרירט קראַנקע קיין בוסק. עס ווערען שוין די קראַנקע אינטערזוכט פון דאָקטוירים. דער ל"ה גרייט זיך. אָבער אין דער „עזרה“ דאַגעגען איז נאָך שטיל און מ'זעהט נישט קיין סימן, זי זאָל די בוסק-אקציע פיהרען. מיר האָבען זיך געווענדעט צום פּרעזעס פון דער „עזרה“ מיט דער פראַגע, צי ער האָט רעזיגנירט און פאַרוואָס. דעראויף האָט דער פּרעזעס ה' אַדלער געגעבען פאָלגענדען ענטפער:

די „עזרה“ האָט ווי אַלע יאָהר, אויך היי-יאָהר בעשלאָסען צו פיהרען די בוסק-אקציע. היות ווי דער לינת-הצדק האָט אויך אָנגענומען צו מאַכען אזא אקציע, האָט זיך די עזרה צוריקגעצויגען, נישט וועלענדיג די בוסק-אקציע פערוואַנדלען אין א קאָנקורענץ. לעצטענס אָבער ווענדען זיך פיעל קראַנקע צו דער „עזרה“ מיט דער בקשה, אז די לעצטע זאָל זיי שיקען קיין בוסק, ערקלערענדיג אז עזרה שיקט אין דער געהעריגער צייט, וואָס דער לינת הצדק וועט נישט בעווייזען. דער לינת הצדק וועט שיקען שפּעט, ווען דער הערבסט וועט שוין זיין און דאַן איז נישט געזונד פאַר אזעלכע קראַנקע, ווייל דאָס וועטער איז ערגער און בכלל די קוראַציע-בעדינגונגען זענען שוין נישט צוגעפּאַסט. א חוץ דעם וועט אויסקומען צו זיין יום-טוב אין דער פּרעמד. נעמענדיג דאָס אַלץ אין בעטראַכט ערקלערט די עזרה, אז זי איז גרייט די בוסק-אקציע צו רעאַליזירען אָבער בתנאי: דער לינת-הצדק זאָל זיך אָבזאָגען לטובת אָט יענע קראַנקע. איך געגענזאָץ וועט עזרה מוזען רעזיגנירען, ווייל געהן זאַמלען געלד אין שטאָדט פון צוויי זייטען איז נישט לייכט און עס קען נאָר ביידע שאַדענען. איך וויל נאָר צוגעבען, אז מכח דעם ענין, האָב איך גערעדט מיט צוויי פערוואַלטונג'ס-מיטגלידער; די ה"ה ד"ר גוטמאַן און שפּערבער, בעטענדיג זיי צורופען מיך אויף א זיצונג מיט'ן צוועק אויפצוקלערען און אויסצוגלייכען, אָבער ליידער האָט מען מיך ביז יעצט נישט גערופען.

א מתנה פון אן אמעריקאנער נדבן.

א בריעף פון באַלטימאָרע.

געעהרטער ה' רעדאַקטאָר!

דער ה' האַרי ווינער פון וואַשינגטאָן האָט מנדר געווען ליילעכער און ציכלעך פאַרן מושב-זקנים און מיר האָבען זיי טאַקע אַרויסגעשיקט. מיר האָבען בעצאָהלט אַלע קאָסטען און ביז היינט האָבען מיר נאָך נישט געהערט פון זיי. פריינד משה ראַדאָמסקי ווידיקקומענדיג פון ראַדאָם האָט מיר דערציילט, דאָס די ליילעכער ליגען נאָך אין דער פּאָסט, ווייל עס ברויך קאָסטען 12 דאָלאַר צאָל - אָבצאָהל. עס איז ווירקליך א שאָד. די זאַכען בעטרעפען קרוב 40 דאָלאַר. דעם 15 יוני האָט דער ראַדאָמער רעליעף אין באַלטימאָרע בעטראַכט די פראַגע וואָס צוטוהן וועגען דעם און מיר האָבען בעשלאָסען צו שיקען 13 דאָלאַר. איך שיק זיי אייך, איהר זאָלט אזוי גוט זיין און בעמיהען זיך אַרויסצובעקומען די ליילעכער און ציכלעך און דאָס איבערגעבען דעם שפּיטאָל און מושב-זקנים. צעטיילט עס ווי איהר פערשטעהט. צו די צוויי אינסטיטוציעס.

מיט דרך ארץ
לייבעשע גראָספעלד
אין נאָמען פון ראַדאָמער רעליעף אין באַלטימאָרע.

חשוב'ער פריינד לייבעשע גראָספעלד!

ווי נאָר איך האָב דערהאַלטען אייער בריעף האָב איך זיך באַלד פערשטענדיגט מיט'ן מושב-זקנים און איך האָב זיך ערפאַהרען אויף וואָס:

דאָס פּעקעל וועט איז געלעגען א לענגערע צייט אויף דער פּאָסט און ערשט שפּעטער נאָכ'ן פריינד ראַדאָמסקי'ס אָפּפאָהר איז עס אויסגעקויפט געוואָרען, אָבצאָהלענדיג העכער 90 זל. עס איז שווער געווען פאַר'ן מושב-זקנים אָבצוצאָהלען אזא סומע, אָבער אזוי ווי דאָס איז א מתנה, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און אויסגעקויפט. ער האָט די וועש איינגעטיילט פאַר ביידע שכנות'דיגע אינסטיטוציעס: מושב-זקנים די 21 ליילעכער און דעם בית-יתומים די 24 ציכלעך, וועלכע האָבען זיך גראַד גוט געפּאַסט פאַר די קישענס פון די קינדער. ס'איז דאַן נישט געווען אָנגעוויזען, אז מ'זאָל טיילען אויך פאַר'ן שפּיטאָל און ווען אייער בריעף איז געקומען, איז שוין געהאַט פאַרגעקומען די איינטיילונג.

אייער 12 דאָלאַר האָב איך דערהאַלטען אויף א טשעק אין דער מלוכה-שער באַנק, איך האָב איהם תיכף ומיד איבערגעגעבען דעם פערוואַלטונג'ס-מיטגליד פון מושב-זקנים און בית-יתומים ה' מרדכי לאַנגער און דער אויפזעהערין פון ביידע דערמאָנטע אינסטיטוציעס, פרוי מינא גראָספעלד.

איך גלויב, אז איהר וועט נישט האָבען דאַגעגען, ווייל די 12 דאָלאַר וועלען זיין צושטייער אויף די העכער 17 דאָלאַר, וואָס דער מושב-זקנים האָט בעצאָהלט ביים אויסקויפען דאָס געשאַנק פון די ליילעכער מיט די ציכלעך.

מיט אכטונג און גרוס פאַר אייך און פאַר אַלע ראַדאָמער לאַנדסלייט אין באַלטימאָרע.

רעד. **מ. הערץ.**

ערקלערונג.

אויף די פראַגע פון ה' וויגאָדא פון אמעריקא ווי אזוי די 300 דאָלאַר פון באַלטימאָרע זענען צעטיילט געוואָרען – ערקלער איך אז:

25 דאָלאַר האָט ערהאַלטען די הילפ'ס-קאַסע פון רעליעף צו דעקען אָרימע חובות.

15 דאָלאַר האָט ערהאַלטען חינוך ילדים.

10 דאָלאַר האָט ערהאַלטען דער קימפּעטאָרען-פעראיין.

די לעצטע בעטראַגען האָט ה' ראַדאָמסקי פעראָרדענט אויף זיין פעראַנטוואָרטונג.

75 דאָלאַר האָט דאָס בית יתומים געקריגען אויף לויפענדע געברויכען

75 דאָלאַר איז דעפּאָנירט אויף דעם נאָמען פון מושב זקנים ובית יתומים אין דער אודזשאַלאָווער באַנק – זשעראָמסקי 9 צו דער דיספּאָזיציע פון ה' לאַנגער, פרוי ב. ראָטענבערג און מיינע, אויף אינוועסטיציעס. ווי אויף איינריכטונג און באָדע - צימער, אָדער א שטאַל און א קוה, אָדער א נייע קוך.

100 דאלאר איז דאָ אין דער יודישער קהלה פאַרן שפּיטאָל, וועלכע מאַרטען אויף א תשובה פון באַלטימאָרע אויף מיין בריעף פון 17/6 צי זיי זאָלען פערנוצט ווערען אויף לויפענדע געברויכען, אָדער אויף דעם רענטגען-אַפּאַראַט וועלכען ה' ראַדאָמסקי האָט פערשפּראָכען צו בעזאָרגען און קאַטעגאָריש פערלאַנגט די 100 דאָלאַר צוזאַמען מיט פריערדיגע 100 דאָלאַר פון ניו-יאָרק צו רעזערווירען.

מ. רעץ

ווי אזוי די געטרייע מארישא האט גע'ירש'נט דער מאדאמ'ס „קניפּעל“.

אין שטאָטישען געריכט, איז די טעג פאַרגעקומען א פּיקאַנטער פּראָצעס, וואָס האָט אַרויסגערופען גרויס היי-טערקייט אי ביי די ריכטער, אי ביים עולם אין זאַל.

מעשה שהיה כך היה.

ביי דער פאַמיליע ו. האָט געדינט א דינסט מיידל מאַרישאַ.

איז די מאַרישאַ געווען אין דעם הויז ווי אַנ'אייגען קינד. די בעלי-הבתים האָבען צו איהר געהאַט דעם גרעסטען צוטרוי, און ווי די בעל-הבית'טע אַליין זאָגט, האָט מען איהר געקענט אַנפאַרטרויען געלט אומגעציילט.

מאַרישאַ האָט געוואוסט פון אזעלכע סודות פון דער מאַדאַם, וואָס דער הער אַליין האָט נישט געהאַט קיין אהנונג דערפון. אזוי למשל האָט זי געוואוסט. אז די מאַדאַם האָט א וואַשנע „קניפּעל“ אונטער דעם מאַנס וויסן. זי האָט אויך געוואוסט, וואו די מאַדאַם באַגראָבט דאָס קניפּעל. אָבער מאַרישאַ חגם זי איז א מיטגליד פון דעם „שייגעם געשלעכט“, וואָס קען נישט האַלטען קיין סוד, איז דאָך מאַרישאַ געווען אַנ'אויסנאַהם. עטליכע יאָהר האָט זי געהאַלטען דעם סוד, און קיינמאָל האָט זי דעם סוד נישט פאַראַטען.

פּלוצים איז געשעהן א שרעקליכע זאַך. אין א שיינעם טאָג, האָט די בעל-הבית'טע געמאַכט א געוואַלד, אז מ'האָט זי באַגנב'עט, און, אַז די גנבטע איז נישט קיין אנדערע, ווי די געטרייע מאַרישאַ. די מאַדאַם האָט פאַרקלאָגט די מאַרישאַ, אז זי האָט פון איהר שופלאַד אַרויסגענומען 500 זל.

ביי די געריכטס - פערהאַנדלונגען, האָט זיך אַרויסגעשטעלט גאָר עפּעס אנדערש. ס'האָט זיך נעמליך אַרויסגעשטעלט, אז די מאַרישאַ האָט דאָס געלט נישט אַרויסגענומען פון שופלאַד. נאָר גאָר פּשוט, די מאַדאַם האָט איהר געגעבען צו באַהאַלטען דאָס „קניפּעל“. געווען איז עס אזוי:

די בעל-הבית'טע, האָט מורא האָבענדיג, אז דער מאַן זאָל דעם „אוצר“ נישט אנטדעקען, האָט זי דאָס קניפּעל א גאַנצע וואָך באַהאַלטען אויף א „פּעוונע“ אָרט, וואו דער מאַן קען באין אופן נישט צוקומען, וואו דאָס זיכערע אָרט איז איז זיך לייכט אָנצושטויסען, וואָרום צו דעם אָרט קען ביים בעסטען פאַל צוקומען נאָר א זויג-קינד...

נו, איז זי טאַקי א גאַנצע וואָך געווען זיכער, אָבער וואָס טוט מען פרייטאָג-צו-נאַכט? ראשית, ס'איז פרייטאָג-צו-נאַכט, והשנית, איז עס דאָך מוקצה אויך!.. אָבער וואו תורה דאָרט איז חכמה. האָט זיך טאַקי די מאַדאַם ו. אויך מיטן פרייטאָג-צו-נאַכט געגעבען אן עצה. פרייטאָג-צו-נאַכט האָט זי דעם אוצר איבערגעגעבען צו מאַרישא אין דעפּאָ. מאַרישאַ האָט עס געהאַלטען ביז זונטאָג.

אזוי איז עס געגאַנגען א לענגערע צייט. יעדען פרייטאָג פאַרנאַכט האָט זי דער מאַרישאַ איבערגעגעבען דאָס פּעקעל, מאַרישאַ האָט דאָס געהיטען ווי אן אויג אין קאָפּ. דאָס פּעקעל איז איבערגעגאַנגען מבעל הבית'טע למארישא, ומארישא לבעל-הבית'טע.

אָבער ווי זאָגט עפּעס א ווערטעל: דאָס קריגעל גייט אזוי לאַנג צום וואַסער ביז דאָס אויער רייסט זיך נישט אָב, און דאַסמאָל האָט זיך טאַקע אָפּגעריסען, געשעהן איז אָט וואָס:

דעם לעצטען מאָל, האָט די בעל-הבית'טע ווי תמיד, פרייטאָג פאַרנאַכט איבערגעגעבען דער מאַרישא דאָס קניפּעל. נאָר היות ווי זונטאָג האָט די מאַדאַם געהאַט א חתונה, איז דאָס קניפּעל געבליבען ביי דער מאַרישאַ איבער זונטאָג. די מאַרישאַ, וועלענדיג זיין זיכער, זי זאָל דעם אוצר נישט פאַרלירען, האָט זי אויך געזוכט א זיכער אָרט עס צו באַהאַלטען. האָט זי דאָך געוואוסט „וואו“. אויף וועלכען אָרט די מאַדאַם באַהאַלט א גאַנצע וואָך דאָס קניפּעל, האָט זי נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון דער מאַדאַם און עס באַהאַלטען אויף דעם זעלבען זיכערן אָרט, וואו נאָר א זויג קינד קען צוקומען. דאָס וואָס די מאַדאַם האָט געטון פרייטאָג-צו-נאַכט האָט מאַרישאַ געטון זונטאָג צונאַכט.

איז אָבער אויפגעלעגט געווען אן אומגליק, און עס איז געשעהן א שרעקליכע זאַך. געשעהן איז אָט וואָס:

מאַרישאַ האָט א חתן, א יונגעל מיט אן אויערינגעל, וואָס פּלעגט זונטאָג קומען צו גאַסט צו דער כלה. אויך דעם לעצטען זונטאָג איז ער געקומען צו דער כלה. ווען די בעלי-הבתים זענען אַוועק אויף א חתונה, האָט זיך דאָס פּאַר'ל, פערשטעהט זיך, געפיהלט ווי ביים טאַטען אין ווייגאַרטען. און כטוב לב החתן, האָט ער עפּעס על פי צופאַל, בעת'ן בעוואונדערן מארישאַ'ס גראַציעזע סאַליע – זיך אָנגעשטויסען אויף א פּעקעלע.

– „צאָ טאָ יעסט“? – פרעגט דער חתן-בחור.

–„ניע רוש“–האָט מארישאַ אָנגעכאַפּט דעם חתן ביי דער האַנד – דאָס איז דער מאַדאַמ'ס.

אז דער חתן-בחור האָט געעפענט דאָס „קניפּעל“, האָט זיך איהם גענומען שאָקלען אן אויג. קנאַקעדיגע הונדערטערס, 50-ערס, 10-ער און 5-ער זל. דערזעהענדיג דעם „סקאַרב“, זאָגט ער צו דער כלה:

– „מאַריכניא, וועזש טוואָיע לאָכי אי אַדיאַזדז“...

אין פלוג,, האָט זיך מאַרישאַ אפילו געקווענקעלט, ס'איז איהר געווען שווער צו טהון אזא זאַך, אָבער ווי זאָגט מען עס: פקוח חתן איז דוחה... זי האָט גענומען דאָס קניפּעל, די וואַליזקע און ביידע זענען נעלם געוואָרען.

דאָס געריכט האָט געהאַט א שווער שטיקעל אַרבייט, דער ריכטער האָט באין אופן נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס האָט די פרוי ו. דאָס קניפּעל אַוועקגעגעבען דער מאַרישאַ פּונקט פרייטאָג-צונאַכט און נישט אין אנדערען אָווענד און ווי אזוי האָט דער חתן עטדעקט ביי דער מאַרישאַ דאָס פּעקעל און אנדערע קאָמפּליצירטע מאָמענטען.

דער פּסק-דין איז דאָ נישט וויכטיג, ווייל „לא המדרש עיקר אלא המעשה“...

נ. פ.

אונזער ווארט.

זאל נישט געגעבען ווערן דעם „שטן המשחית“ קיין פתחון פה

מיט די פרידלעכסטע כוונות שיקען יודען זייערע זיהן און טעכטער קיין ארץ ישראל אויסצוטריקענען זומפען, פערוואנדלען וויסטענישען אין פרוכטבארע געגענדען, ארייננטראגען קולטור און ציוויליזאציע אין דער טויזענטיאהריגער אפגעשטאנענער מדינה. קיין שום שפור פון בעצווינגעריי בעגלייט זיי נים. זיי קומען אהן ביקסען און אהן באמבעס, בלויז הענט און מוסקולן, ארבעט און איניציאטיוו, אידעאליזם און הייליקער ווילן צו בויען, צו שאפען פאר אלעמען — פאר יודען, ווי אויך פאר אראבער.

מיט דאנקבארקייט האבען יודען אויפגענומען די באלפור-דעקלאראציע און מען האט געווארפען דעם גאנצען כוח און מוח אויף אויפצובויען פאר זיך — פאר דעם אייביג געפלאגטען און געיאגטען פאלק — אן אייגען שטיקעל ארט, וואו מען זאל קאנען, נאך דעם לאנגען און גרויזאמען וואנדערוועג, רואיק לעבען.

אבער דער גורל האט געוואלט, אז דווקא דער יעניגער, וואס האט פאר יודען ארץ-ישראל צוגעזאגט, שטעלט כסדר שטעקענס אין די רעדער.

צוואנציג יאהר זענען פארפלאסען פון דעם מאמענט זינט עס איז געגעבען געווארען ארץ-ישראל, און די צוואנציג יאהר זענען איין לאנגע קייט פון שטערונגען, אויסלאכעריי, חוזק-מאכען איבער יודען און איבער דער קרבנותפולער ארבייט.

מיט פארביסענע ליפען, מיט א טיפען ווייטאג אין הארץ נעמען יודען אויף די קלעפ און טוען ווייטער זייער ארבייט וואס ווערט בעוואונדערט דורך דער גאנצער וועלט, אן ארבעט, וואס האט ניט קיין גלייכען מיט איר זעלבסטאפפערונג אין דער געשיכטע פון וועלכען עס איז נים פאלק.

איין קלאפ נאכ'ן צווייטען בעקומען יודען און דאס דווקא פון אייגענעם „פערבינדעטען“, פון ענגלאנד און מען טהוט ווייטער אונזער ארבייט אין גוטען גלויבען, אז ענדליך וועט זיך ענגלאנד ארומזעהן ווער עס איז איהר אויפריכטיגער פערבינדעטער און פריינד און ווער ס'איז איהר שונא.

די געשעהענישען פון די לעצטע צוויי יאהר האט די ענטוישונג אין ענגלאנד פערטיפט און פערשארפט; יודיש בלוט גיסט זיך ווי וואסער אהן וועלכער ס'איז בעריכטיגונג. די פרידלעכסטע מענשען אויף דער וועלט זענען די עולים אין ארץ ישראל און דאס „דזשענטעלמען“-פאלק — ענגלאנד קוקט זיך גלייכגילטיג צו צו דעם אלעם.

צענדליגער געלעגענהייטען זענען געווען אבצושטעלען דעם טעראר און צו געבען א מעגליכקייט פון פרידליכער ארבייט. די קאלטע ענגלענדער האבען זייערע קאלטע חשבונות, פאר זיי איז דאס יודיש בלוט נישט גענוג ווארעם, נישט גענוג הייס, אז זיי זאלען אויפציטערען פון יעדען געפאלענעם יודישען קרבן.

קאלט און גרויזאם פיהרען זיי זייער פאליטיק, וואס זייעט טויט און אומגליק.

און טאמער האבען די נערווען פון א יודישען אידעאליסט נישט אויסגעהאלטען, זיין רואיגקייט האט געפלאצט, דאס הארץ האט נישט געקאנט מעהר איבערטראגען די נידערטרעכטיגקייטען, און ער האט מיט א שאס, וואס ט'האט קיינעם נישט געשאדט, דעמאנסטרירט פאר דער גאנצער וועלט דעם וועה-געשריי, די עולה, — איז די קאלטע ענגלישע פאליטיק געבליבען אזוי גזלניש קאלט, אזוי „אויסגערעכענט“ ווי זי איז עס אין משך פון 20 יאהר אין בעצוג צו יודען.

און די יודישע נערווען האבען נישט אויסגעהאלטען. עס האט געפלאצט די רואיגקייט, די איינגעהאלטענקייט און דאס בעהערשען זיך, דער שכל הישר האט אפגעטרעטען זיין פלאץ דעם געפיהל פון נקמה. דאס פערגאסענע בלוט פאדערט, א שטראף און אויב ענגלאנד וויל דאס נישט געבן — נעמט מען עס זיך אליין.

עס איז אבער אין אונזערע בלוטיגסטע אינטערעסען, אז עס זאל נישט געגעבען ווערען דעם „שטן המשחית“ — סיי פון דער אראבישער זייט און סיי פון דער ענגלישער זייט — קיין שום פתחון פה, אז אין ארץ ישראל שלאגען זיך צוויי פעלקער.

יודען זענען א פאלק, וואס איז געוואונט צו געבען קרבנות און וואס וויל מיט פארביסענע ליפען און מיט א פערבלוטיגט הארץ פרידליך בויען א היים.

ו. א. ק.

מ. גאלדבערג.
לאנג-יעהריגער האנדווערקער-סהוער, געוו. וויצע פארז. פון דער עקזעקוטיווע פון יוד. האנד. פערב.

די סאציאל-פאליטישע ראלע פון דער יודישער האנדווערקערשאפט!

צום האנדווערקער צוזאמענפאהר אין קעלץ.

ספעציעל פאר'ן „ראדאמער-קעלצער לעבען“.

ווען מיר קוקען זיך איין אין דער היסטארישער פערספעקטיוו, בעת מיר בעאבאכטען דעם דיפערענצאציע-פראצעס, וואס האט זיך אנגעהויבען אויף דער יודישער גאס, דאס אויסשיילען זיך פון אלגעמיינער שאל פון די בעזונדערע סאציאלע גרופען און שיכטען פון אונזער געזעלשאפט, נישט בלויז דאס פונאנדערטיילען פון קלאסען, נאר אויך פון די בעזונדערע גרופען, הגם זיי געהערען, לאמיר אננעמען צו איין קלאס, — ווען מען כאפט אזא בליק אויף צוריק, טרעפט מען זיך אן אויפ'ן זעלבען פראצעס אויך אויף דער נישט-יודישער גאס.

דער דאזיגער פראצעס איז געווען און איז א נאטירליכע דערשיינונג ביי אלע פעלקער און האט דעריבער נישט געקאנט אויסמיידען דאס יודישע פאלק.

דער סאציאלער בעוואוסטזיין ביי די יודישע מאסען איז דעריבער געווען די געבורטס-מוטער פון דער פאליטישער פארטיי. ס'איז דעריבער זעלבסטפארשטענדליך, אז ביים וויגעל פון דער מאדערנער יודישער האנדווערקער-באוועגונג אין פוילען זענען געשטאנען די פאליטישע פארטייען, וועלכע האבען געשטיצט זייער יסוד, אויפ'ן אונדערשעפטליכען-רעזערוואר, וואס שטעלט צו לעבענס-כח, און ענערגיע דעם יודישען פאלק, אויף דעם יודישען האראפאשניק, דעם בעל-מלאכה.

דער יודישער האנדווערקער, אלס א ווירקענדיגער פראדוקטיווער, שאפענדיגער עלעמענט, פונ'ם יודישען פאלקסלעבען, איז דעריבער אין זיין ערשטער מאדערנער ארגאניזאציאנעלער פארם. געווארען די באזע פאר פארטיי-פאליטישען קאמף צווישען די ווירקענדע אויף דער יודישער בירגערליכע גאס, ציוניסטען און פאלקיסטען.

ס'ווערט דעריבער קלאר, אז דער יודישער בעל-מלאכה האט גענומען שטעלונג צו פראגען פונ'ם אלגעמיינעם נאציאנאלען כאראקטער, דער יודישער בעל-מלאכה האט ארויסגעזאגט זיין קוק, זיין וועלט-בענעם צו פראגען פונ'ם נאציאנאלען, קולטורעלן מצב פון די יודישע מאסען, פערבינדענדיג דאס מיט זיינע אויפגאבען פון אלגעמיינעם פאליטישען קאמף, וועלכען ס'דארפען פירען די יודישע מאסען אין פוילען, כדי די ארויסגערוקטע פאדערונגען צו דערגרייכען.

בעת מיר קוקען אויף די אנטוויקלונג פון דער יודישער האנדווערקער-באוועגונג, פון דער היסטארישער פערספעקטיוו, ווערט פאר אונז קלאר די פארגעקומענע שפאלטונג פון 1918. דעמאלט איז דער קאמף געווען א מחלוקה לשם שמים, א קאמף פאר אידעאלאגישע פרינציפען, פאר א בעזונדערן צוגאנג צו דעם אופן, פון אויסקעמפען פאר די יודישע מאסען, די מעגליכקייט צו קאנען זיך אויסלעבען, סיי סאציאל-עקאנאמיש, סיי נאציאנאל-קולטורעל, ווי גלייכע מיט גלייכע, מיט אנ'אייגענער נאציאנאלער פערוואלטונג אין דער פארם פון דער פערסאנאלער אויטאנאמיע. אלזא: ס'האבען געווירקט אויף דער האנטווערקער-גאס, צוויי האנטווערקער-צענטראלעט, א ציוניסטישע און א פאלקיסטישע. דער צושטאנד האט אנגעהאלטען ביזן יאהר 1925. דעמאלט איז פארגעקומען די פעראייניגונג, וועלכע האט געגעבען פאר דער יודישער האנדווערקערשאפט זעהר גרויסע דערגרייכונגען אויף אלע געביטען פון ארגאניזאציאנעלען בויען און שאפען. פון דעמאלט אן לעבט די אידישע האנדווערקער-באוועגונג איבער כסדר'דיגע אויפטרייסלונגען און רייבונגען, וועלכע זענען שוין נישט קיין פראדוקט פון פארטייאיש-אידעאלאגישען כאראקטער, נאר פון טאקטישע אונטערשידען ביים נעמען שטעלונג צום אינדוסטריע-געזעץ, אדער ביי געוויסע פאליטישע אקציעס.

ס'איז נישט מעגליך אין די ראהמען פון א צייטונגס-ארטיקעל אויף די פראגען זיך ברייטער אבצושטעלען, וואס קומט פאר היינט-צו טאג אויפ'ן באדען פון דער יודישער האנטווערקער-באוועגונג, אינם אנבליק פון די יעצטיגע געשעהענישען, וועלכע האבען אנ'ארט ביי אונז אין פוילען.

אין א צייט פון אנ'אויסערסט-אנגעווענדעטער עקסטערמינאציע-פאליטיק לגבי די יודישע מאסען אין פוילען איז געקומען א יחיד, א געוועזענער „פירער“ פון דער האנדווערקער-באוועגונג, חיים ראסנער איז זיין נאמען. וועלכער איז צוליב זיינע מעשים טובים פאר די יודישע בעלי-מלאכות, אוועקגעשטעלט געווארען פון דער דאזיגער בעוועגונג און פירט א נייע שפאלטונג, צוברעכענדיג די איינהייטליך-אויפגעבויטע האנדווערקער-ארגאניזאציע. אין א צייט ווען צום צווייטען מאהל איז פארגעקומען די פעראייניגונג מיט דער ציוניסטישער גרופע פון דעם סעקרעטאריאט פון צעכן און קאאפעראציעס, האט חיים ראסנער אויסגעקליבען אויף צו שאפען זיך אנ'אייגען קרעמעל פאר זיין פערזענליכען אייגענעם אינטערעס.

צוליב דעם פיהרט איצטער דער צענטראלער אידישער האנדווערקער פערבאנד אין פוילען אנ'אויפקלערונגס- און צוגרייטונגס-אקציע צום אלפוילישען האנדווערקער-קאנגרעס, וועלכער דארף פארקומען אין סעפטעמבער. אלס א צוגרייטונג צום קאנגרעס אין אויך צוליב א גאנצע רייהע לאקאלע פראגען, ספעציעל אין שייכות מיט דער לאגע פון דער יודישער האנדווערקערשאפט אין קעלצער וואיעוואדשאפט רופט די עקזעקוטיווע און דער צ. ק. פון צענט. יודיש. האנט. פארבאנד אין פוילען אויף איבערמארגען זונטאג דעם 24-טען אין קעלץ א צוזאמענפאהר פון אלע האנדווערקער-ארגאניזאציעס פון קיעלצער וואיעוואדשאפט, אויף וועלכען ס'וועט קומען צום אויסדרוק דער גאנצער קאמפלעקס פראגען. וועלכע האבען א שייכות מיט דער קאנסאלידאציע און אויסגעשטאלטונג פון דער יודישער האנדווערקער-בעוועגונג אין פוילען.

אין שאטען פון וואלד

א בריוועלע פון גארבאטקע.

נישטא די געמיטליכקייט, די אמאליגע היימליכקייט, וועלכע האט זיך געלאזט פיהלען אויף אונזער היימישע דאטשע, גארבאטקע.

עפעס קלאפט היי-יאהר נישט די דאטשע-מאשין מיט אלעמען. ס'איז לאנגווייליג, אונהיימליך.

באלד אראבגעהענדיג פון צוג, לאזט עס זיך לייכט מערקען. נישטא דער שטענדיגער טומעל, און הארמידער מיט די הילכיגע געלעכטערס מיט וועלכע מ'האט ערווארטעט די אנקומענדע.

שוין נישט רעדענדיג וועגען די דאטשניקעס, וואס, אז מען קוקט זיך גוט איין אין זייערע געזיכטער, לאזט זיך לייכט ארויסלייענען דער אומעט, פון זייערע אויגען. און אויב מען ווילט זיך יא, איז עס אויבענאויפיג, למראית עין...

אבער איידער כ'וועל איבערגעבען די אלגעמיינע שטימונג פון היי-יעהריגען סעזאהן, איז כדאי אין עטליכע שטריכען איבערצוגעבען דעם גארבאטקער יחוס-בריעף.

גארבאטקע, הגם א גאנץ פרימיטיווע דאטשע-ארט, אהן די מינעראל-וואסערן בערג, פראמענאדעס, ווי אין אנדערע קור-ערטער, פארמאגט אבער איין הויפט-מעלה: געזונטע און טרוקענע לופט.

ווארום וויסען דארף מען, דאס דער גארבאטקער וואלד ציהט זיין אוהר-שטאם, פון די בעריהמטע אין גאנץ פוילען, קאזשעניצער וועלדער. אין פון דער צווייטער זייט גרענעצט עס זיך, מיט דער פאסעסיע, אין טשארנאלאס, דאס ארט, וואו ס'האט געלעבט און געשאפען דער בערימטער פוילישער שרייבער יאן קאכאנאווסקי.

איז טאקי יאהרען-לאנג געווען צו מערקען א גרעסערע פרעקווענץ פון לעטניקעס. א חוץ פון ראדאם און אומגעגענד, אויך פון ווייטערע געגענדען ווי ווארשא, לובלין, כעלם און אנד.

לעצטענס, צוליב'ן שווערען קריזיס, האט מען אויפגעהערט קומען פון ווייט, אזוי, דאס גארבאטקע איז אין גרעסטען טייל אנגעוויזען אויף דאטשניקעס פון ראדאם און אומגעגענד.

דער היי-יעהריגער סעזאהן אונטערשיידעט זיך פיעל פון די פריהערדיגע. די אורזאך דערפון איז: דער געוואלדיגער יקרות אויף דירות אין אנהויב זומער.

געפעפערטע פרייזען האט מען געצאהלט תחילת סעזאהן, איבערהויפט די ערשטע לעטניקעס, אזוי בערופענע „שוואלבען“. פון 150 — 200 זל. א שטוב מיט א קוך. פערשטעהט זיך, אז דאס האט צערייצט דעם אפעטיט ביי אלע ווילע-אייגענטימער.

האט זיך טאקי דער ברייטער עולם אפגעהאלטען פון דינגען וואוינונגען.

ווען ס'איז אבער אדורך א צייט און קיין אמאטארען זענען אלץ נישט געקומען, זענען די פרייזען מיט איינמאל געווארען רעדוצירט ביז א העלפט.

אזוי, צי אנדערש, דער היי-יעהריגער דאטשע-סעזאהן איז אין אלגעמיין א פערשפעטיגטער. אפילו איצט אין דער העלפט יולי, ווען פאראיאהרען אין דיזער צייט האט אויסגעפעהלט דירות, קאן מען היינט בעקומען דאס לעצטע פאר בעדייטענד ביליגער.

אפילו אין די פענסיאנאטען וואו ס'האט זיך אלע מאהל געטומעלט, איז היינט שיטערליך. און, אז איהר וועט אראפגעהן פון באהן, וועט איהר ארייינפאלען אין די הענד פון א כאפטע פענסיאנאט-אייגענטימער און מעקלער פון דירות, אז מען קאן ממש צומישט ווערען, אזוי ווי אין פסוק שטעהט והחזיקו שבע (א)נשים באיש אחד...

נישט בעסער זעהט עס אויס ביי די לעטניקעס, איבערהויפט אויף דער באנקאווצער זייט, וואו ס'וואוינט עמך, אזוי צו זאגען, דער דעמאקראטישער טייל. אויך דארט, ווען אלע מאהל האט מען געהערט זינגען, ווי אויך פאטעפאן-מוזיק אין די אווענדען, איז היינט, אז ס'קומט דער אווענד, שטיל אזוי ווי אין א ווילדען וואלד...

דאס איינציגע וואס מען הערט יא זינגען איז: „ווי נעמט מען די גוטע צייטען פון אמאהל“...

וואס דארפט איהר בעסער. אלע יאהר, חוץ שפילען א דערדעל, און רייסען מלך, טרייבען ליצנות, „געהיימע“ קאנפערענצען און פלענער פון אונזערע פני און „פערזארגער“ אונזערע, וועלכע האבען געשוויצט מיט די „פלענער“ אויף א גאנץ יאהר, פערשטעהט זיך „לטובת הכלל“ — איז אויך געווען טעטיג א הילפס-קאמיטעט פון פרויען, וועלכער האט פון פרייוויליגע נדבות, געזאמעלט ביי די לעטניקעס, געשטיצט ארימע קראנקע, און א היבשער מאס—איז היי-יאהר לא יזכר ולא יפקד...

ארום און ארום א שוואכער אוגערקעס-סעזאהן.

די פראגע פון אנטיסעמיטיזם אלס אזעלכער עגזיסטירט נישט אין גארבאטקע, כאטש דא און דארט קאן מען געפונען א מעלדונג צו פערדינגען א צימער מיט א קוך פאר... א קריסטליכע פאמיליע. די מערהייט אבער איז לאיאל, פשוט דערפאר, ווייל ס'קאן זיך אפרופען אויף דער קעשענע...

און דאס אלץ, אין א צייט ווען אויך די „ציוויליזאציע“, ס'הייסט די מאדערנע טעכניק דרינגט אריין קיין גארבאטקע און אלץ לטובת די לעטניקעס.

וואס! איהר ווילט נישט גלויבען? אט האט מען איינגעריכטעט עלעקטרישע בעלויכטונג אויף די סלופעס, ליאיר בלילה, כאטש פון איין סלופ ביז'ן צווייטען בעדארף מען צופאהרען מיט'ן טראמוואי.

איצט דער שאסע. ביז איצט זענען מיר געוויינט געווען צו זינקען אין בלאטעס. איצט אבער ברוקירט מען אויס דעם וועג, וועלכער האט ביז איצט בעשווערט דעם ראד-פערקעהר.

ואחרון אחרון חביב: א סאקסובקע פון פארד'ס מלוכה, פיהרט ארום איבער גאנץ גארבאטקע מעשה טראמוואי. אויפנעמענדיג פאסאזשירען, טרייבט קאנקורענץ מיט די אויסגעדארטע יודישע פערדלעך, וועלכע אין אנבליק פון ביין משחית ווערען אזוי צעווילדעוועט, אז זיי צעבריקעווען זיך, איבעריאגענדיג אזוי ארום אין שנעלקייט דאס „מאשינדעל“.

ס'איז אפילו נישט אנגענומען צו שרייבען אין אזא מעלאנכאלישען סאהן א בריוועלע פון דאטשע, כאטש די ווירקליכקייט זאגט דא נישט אנדערש. יעדאך זענען פערהאן, טראץ דעם אלעם היימישע מעשה'לעך פון פיקאנטען כאראקטער וועגען וועלכע מ'שושקעט זיך שוין... אבער וועגען דעם אלעם א צווייט מאהל.

משה דינגערמאכער

גארבאטקע אין יוני 1938.

דאס טויט-בלעכעל.

ערצעהלונג / פון מאיר הערץ

(ענדע)

אין איציק מיט יעדן טאג מעהר צע-מישט געווארען און די כלה האט מיט איהם אפגעלאזען דעם שידוך. איציק האט עס נישט פערשטאנען און יעדען טאג כמעט ארויסגעגאנגען צו איר און זי איבערגעבעטען: — אז אט קומט ער צוריק פון דער מלחמה און וועט חתונה האבען.

זיצט שרה׳ס צווייטער חתן דערביי ווי איציק בעט זיך ביי איהר — שרה׳שי, שרה׳לע ווארט, ווארט, אט, אט קום איך צוריק פון דער פאזיציע און מיר וועלן חתונה האבען — לאכען זיי ביידע און פאר געלעכטער וואסערן שרה׳ס אויגען פון טרעהרען...

אז איציק איז איינמאל געשטאנען ווי זיין שטייגער אויף דער ווארטע ביינאכט ביי די קאשארען צוזאמען מיט׳ן פאסטערונעק, האט ער פלוצלינג דערהערט אין דער טיפער נאכט-שטילקייט ווי אין שטעטל שפילט מען און מען שיסט מיט פייער-קונצען. וואס בעלויכטען אלע מאל א שטיק הימעל מיט א רויטע לאנע; קלערט איציק נישט לאנג, שטרענגט אן א ווייל ס׳אויער און מיט אמאל, העגדום-פעגדום, גלייך אין שטעטל אריין און איבער׳ן גאנצען וועג געהט אוועק א טראמפייטעריי מיט׳ן גאנצען כח.

אין שטעטל האט מען דעמאלט געפיהרט אין שוהל-הויף צו דער חופה איציק׳ס כלה, האבען כלי זמרים געשפילט און קליינע קונדיסים האבען געשאסען מיט פייערווערק. איציק האט מעהר נישט געברויכט. אז ר׳האט דערהערט שיסען איז ער אריין צווישען עולם און די באקען זענען אים פערשוואלען געווארען פון בלאזען מיט דער טראמבקע, וואס האט איבערגעשטיגען די אינסטרומענטען פון די כלי זמרים.

א צייט האט ער נישט בעמערקט וואס ארום טוט זיך און געהאלטען אין איין טראמפייטערן. ערשט, אז ער האט זיך נעהנטער צוגעשטופט צו דער חופה און געזעהן זיין כלה שטעהען מיט א פרעמדען יונגערמאן, וואס טוט איהר אן א גאלדען קידושין-רייפעל איז איהם די טראמבע א פאל ארויס געטון פון מויל, איז א פערגליווערטער שטעהן געבליבען און געשוויגען מיט צונויפגעפרעסטע צייהן. זיינע פייער-גלאנציגע אפלען זענען געלאפען און ער האט געסאפעט.

א פאר מינוט איז ער געשטאנען. גארנישט גערעדט, נאר געשוויגען און נישט אראפגעלאזט דאס אויג פון זיין כלה. א קאלטע, עלענדע פרעמדקייט האט אויף איהם א בלאז געטון. אינ׳ם גאנצען פערוואלקענטען נעפעל פון זיינע צעמישטע רעיונות, וואס איז געשטאנען אין זיין מבולבל׳דיגען קאפ, האבען פאר איהם קלאר ארויסגעשיינט די חופה-ליכט און ער האט פערשטאנען זייער בעדייטונג. האט ער באלד צוריק אריינגעכאפט צווישען די פערקריצטע צייהן די טראמבקע און אויסגעפייפט שטורמיש אנ׳אלארמירענדיגען מארש און איז אפגעטרעטען אין מיליטערישען טאקט גלייך אוועק אין די קאשארען אריין. זיינע טריט זענען געשטעלט געווארען מיט׳ן לעצטען ביסעל קוראזש פון א אונטערגעבראכענעם, פון א רעזיגנירטען, וואס וויל מיט זיינע האסטיגע טריט זיך אונטערהאלטען.

און אונטערגעהאלטען איציק׳ן האט דאס, וואס פאר זיינע אויגען איז נישט אוועקגעגאנגען דאס געשטאלט פון דער קאזארמע. און ווען אלע האבען איהם פערלאזען איז זי איהם א מאמע געווען. האט ער מארשירט פון דער חופה און געלאכט אהין, אהין צו דער קאזארמע, פון וואנען ס׳האט זיך פון ווייטענס געלויכטען.

ביי פיל האבען זיך טרעהרען אין די אויגען געשטעלט און מענשן האבן איהם נאכבעגלייט מיט בעדויערענדיגע בליקען.

יענע נאכט איז די לעצטע געווען פון איציק׳ס טראמפייטערן. פון דעמאלט איז ער שטיל געווארען, אז א פיפס האט מען נישט געהערט פון איהם.

גאנצע טעג זעהט מען איהם ליגען אויף דער הארטער נארע אין די קאשארען ווי ער כראפעט, האלטענדיג די טראמבקע ביי דער זייט; כאפט זיך נאר פיל מאל אויף און א צעמישטער בלאנדזשעט ער מיט זיינע פייכטע אויגען איבער דער קאזארמע און רופט מיט א פערסאפעטען אטעם: — אי-ציק! אי-ציק! וואו ביסטו איציק אי-ציק!! —ער שרייט מיט אזא קול, אז איבער׳ן הוילען קאזארמע-חלל הילכט אפ צוריק זיין ווידער-קול און ס׳בעפאלט איהם א אימה, ער שרעקט זיך פאר יענעם עכא, קורטשעט דעם קאפ אינ׳ם הויכן שטייפען קאלנער, קוקט ארויס פון דארט מיט שרעק און זוכט דעם עכא טראכטענדיג, אז דאס שרייט יענער איציק וועמען ער רופט; קריגט מורא פאר זיך אליין, פארן אייגענעם שאטען און מיט ציטערדיגע טריט לויפט ער צוריק אויפ׳ן געלעגער, פערדעקט זיך ווי גרויס ער איז מיט דער קרעצעדיגער קאלדרע, אונטער וועלכע ער פיבערט מיטן גאנצען גוף. אלע פאר מינוט גנב׳עט זיך מיט אנגסט אפויער דער איינגעטוליעטער קאפ מיט א רעש׳יגען הילעך: — אי-ציק! אי-ציק! און ווערט ווידער פערשווינדען אונטער דער קאלדרע.

מיט אמאל טוט ער א שליידער אראפ פון זיך מיט טייוועלשען אימפעט די קאלדרע, א ווייסער גאווער רינט איהם פון הייסען מויל, זעצט זיך אויף מיט די פיס אונטערגעלייגט פאר א געזעס און הויבט אן צו מריטשען מיט א פונאנדערגעריסען מויל, אז מ׳קען איבערציילען אלע ציין. די אויגען לויפען שנעל, אז אט, אט דאכט זיך ווי זיי לויפען ארויס פון די ווייסלעכצער מיט א מאדנע צוטראגענקייט, און די קעל רייסט זיך מיט׳ן גאנצען כח — איציק! איציק!.

ראפטום טהוט ער זיך א כאפ ווי ער וואלט זיך אן עפעס דערמאנט, דרייט מיט׳ן קאפ און קוקט זיך אליין אפ אזוי לאנג ביז ער הויבט אן זיך אפצופליקען אלץ. א משוגענע ווילדקייט בעצווינגט איהם און ער שיילט מיט קנאקעדיגע פערקריצטע ציין: די מארינארקע. דאס וועסטעל. און, אז ער קומט צו צום העמד, ווערט דאס ווילדקייט שטארקער, ס׳פליהען שטיקער, רייסט עס אויף און אז ער דערזעהט דאס טויט-בלעכעל טהוט ער עס אריס אראפ, האלט ער עס אקעגען די אויגען, סאפעט אפ, ווערט קילער און צעלאכט זיך, צאפלענדיג אין גאנצען פאר שרעק:

— כא-כא-כא, כא-כא-כא-כא, כ׳האב דיך געפאקט איציק. כא-כא-כא-כא ביסט דא איציק, האסט דיך בעהאלטען אויף מיין הארץ און ווילסט מיך דערדריקען, כא-כא-כא-כא! ניין, יאך בין איציק, נישט דו, ווילסט זיין מיין יורש און מיינע יאהרען מיר צערייבען, כא-כא-כא-כא!

ער ווארפט זיך אינגאנצען פאר שרעק און כאטש ער האלט מיט אייגענע הענד ס׳טויט-בלעכעל, דאך האט ער מורא צו קוקען דערויף און קורטשעט דעם קאפ פון ווייטענס, ווי ער וואלט עמיצען געזעהן און גערעדט צו איהם.

ביסלעכווייז הויבט ער אן צו פיבערען, גראבט איין טיף דעם קאפ אין שעניק און האלט אויסגעשטרעקט די האנד מיט׳ן בלעכעל, צאפלענדיג די האנד נעהנטער צו זיך צו צונעמען.

אז די טהיר פון קאזארמע עפענט זיך אויף און ס׳קומט אריין דער פאסטערונעק פון דער ווארטע, און, אז איציק דערזעהט דעם בליאסקעדיגען באגנעט פון דער ביקס, ווארפט ער זיך אין קאנוואולסיע און וואויעט מיט ספאזמען קלאפענדיג א צאהן אן א צאהן און ווייזט מיט׳ן פינגער פון דער צווייטער האנד: — אט געהט ער, אט איז ער דא איציק, ער געהט מיך שטעכען, יא, הו-הו-הו! שטעכען געהט ער מיך יענער איציק, וואס זיצט אין טויט־בלעכעל אויף מיין הארץ. ברר, ברר הו-הו-הו, יא איציק סין חאצקעליא שלאמאוויטשא געהט, ער געהט מיט׳ן באגנעט מיך שטעכען.

אין איין האנד האלט ער ס׳טויט־בלעכעל, ליינט דערפון ארויס, און מיט דער צווייטער ווייזט ער אן אויפ׳ן אריינגעקומענעם פאסטערונעק מיט׳ן באגנעט. דא ווערט ער שוין מעהר ווי משוגע, פערווארפט איבער׳ן האלדז דאס קאלירטע בענדעל מיט׳ן טויט־בלעכעל, לויפט צו צום פאסטערונעק און נאך גוט אמפערען און ראנגלען זיך מיט איהם, איז גובר זיין משוגעת און ער רייסט פון איהם ארויס די ביקס. דעמאלט גראבט ער איין די צעפלאמטע אויגען אינ׳ם בלעכעל, וואס הענגט ביי איהם אויפ׳ן האלדז און ער לאכט דערצו: — נו, מ׳וועט זעהן וועלכער איציק פון אונז ביידע וועט זיין שטארקער, מ׳וועט זעהן, מ׳וועט זעהן. —

אזוי רעדענדיג זעצט ער אריין דעם באגנעט אינ׳ם טויט־בלעכעל און שטעכט זיך דורך דאס הארץ. אז ער פאלט אנידער און דערזעהט זיך אין א קאלוזשע בלוט צעלאכט ער זיך הילכיג און וויינט סאפעדיג: — אה—אה—אה, כ׳האב איהם דערשטאכען הא—הא, א בע א בע, אבער ס׳גיסט זיך פון דיר ס׳בלוט איציק, נו, ווער איז שטארקער? —

אז מ׳האט איהם איבערגעטראגען אין מיליטערישען שפיטאל און ס׳בלוט האט זיך געגאסען טייכענווייז, האט ער א גאנצען וועג געפראכט ווי א גע׳שחטענער אקס מיט צונויפגעדריקטע צייהן:— הא—הא, כ׳האב איהם דער׳הרג׳עט דעם צווייטען איציק, כ׳האב איהם דער׳הרג׳עט, זאל ער נישט זאגען, אז ער איז יאך, א שיינע ריינע כפרה אויף איהם, אבער איצט ווייסט ער שוין ווער ס׳איז דער אמת׳ער איציק, אבער, אבער ס׳גיסט זיך גוט ס׳בלוט פון דיר. אבער — און ער האט געקוקט אויפ׳ן שטראמענדיגען בלוט, זיך געריצט און משוגע געלאכט דערצו.

די זעלנער, וואס האבען איהם געטראגען, האבען זיך איבערגעקוקט און מיט בעדויערונג שטיל אונטערגעברומט:

— וואריאט, וואריאט, שקאדא — און ס׳בלוט האט געגאסען און נאס געמאכט דעם גאנצען וועג ביז צום שפיטאל.

קורטשאקעס

י. ב. שטדיימאן

קורטשאקעס יונג צוויי גילדן א פאר
מאדאמעשי קויפט, אויף מיר אזא יאר!
אפגעריסענע קוים פון דער מוטער;
ווי גוט עס איז זיי צו פרעגלען אויף שמאלץ—
זיי וועלן פארגיסען דעם נגידישען האלדז.
ווי גוט איז צו פרעגלען אויף פוטער.

די זון אנגעגליט האט פון שאסיי די שטיינער,
כ׳האב די הינדלעך געשלעפט אויף די ארימע ביינער,
צו פארדינען ברויט פאר די קינדער;
— מאדאמעשי קויפט, איר זאלט מיר לאנג לעבן —
גלייך איר וואלט מיר צדקה געגעבן
מיין מאן איז דערצו אויך א בלינדער.

ס׳האט די מאדאם אנגעבלאזען איר גוידער
און האלט אויף איר דינסט אין שרייען כסדר:
צו-טייערן! איך קען עס מיר נישט דערלויבן;
די הינדעלעך פישטשען פי-פי פי־פי

און מאכען פאר ווייטאג די אייגלעך צו
די גוטינקע הינדלעך ווי טויבן.

און ס׳קומט זיי צו חלום פון נעכטן די פרייד
ווען ס׳האט זיי צעווארעמט דער מאמעשיס קלייד
און פון שלעכטס געטוען זיי אויסהיטן;
אז ס׳האט זיי דער ווייטיג גענומען א נעם —
האבן געטון זיי א ציק מיט דער ברעם
און איצטער האט אלץ זיך געביטן.

אורבאניסטיק

דאס פלוצלינגדיגע צעלייגען די פארקאנעס, בודקעס, וואו ס׳זענען געזעסען שוסטער און אנדערע בעלי-מלאכות, געארבעט און דערמיט מפרנס-געווען זייערע בני-בית-איז נישט געווען קיין אקס פון שלעכטיקייט און ביזוויליקייט, נאר איז געווען בעפוצט מיט דעם הויך-קלינגעדיגען ליטעראראישען אויסדרוק: אורבאניסטיק, ס׳הייסט שטאט-פערשענערונג.

אמאהל האבען דעם אויסדרוק בענוצט פאעטען, שיינגייסטער. אורבאניזם איז געווען א ליטעראראישע מאדע, ווי עקספרעסיאניזם, אימפרעסיאניזם אין דער ליטעראטור (אזא שטרעבונג) היינט פיהלט די אורבאניסטישע מאטיווען די יודישע ארעמקייט גוט אויף איהרע פלייצעס. אין א זוניגען הייסען יוני-טאג האט די ידיעה, אז ס׳געהט א קאמיסיע און הייסט צעהאקען, צעלייגען. אלע אלטע פארקאנעס, בודקעס, זיך צעטראגען אין ארעמען יודישען געגענד, ווי א פאגראם-אנזאג און ארויסגערופען אימה און פערלוירענקייט. די קאמיסיע מיט׳ן וויצע-פרעזידענט יערושי ראדאמסקי, א הויכער, א דארער, מיט א רויטליך פנים און ערנסטען בליק, האבען בעטראכט די פארקאנעס, קליינע הייזעלעך, גע׳פסק׳נט ווי אין פעלד-געריכט שנעל און שארף: צעהאקען!! ארבייטספלאץ ארבייטער האבען געטראגען גרויסע שארפע העק וואס האבן געגלאנצט מיט זון און שארפקייט און מיט זיי צעהאקט די הויכע פארקאנעס וואס זענען געפאלען פון זייערע קלעפ פערכאלעשטע צו דער ערד, און פון לאנגע הילצערנע שטעקענס מיט גרויסע פערבויגענע האקענס זענען געפאלען קרעכצענדיג צו דער ערד פעיטרוקענע שטיקער בלעך פון קליינע איינגעהויקערטע הייזעלעך וואס האבען אויסגעזעהן ווי הינטישע בודעס.

פון א שיסטערישע בודקע האבען אפערגעקוקט פון הונטער׳ן בארג ברעטער און דאך-בלעכען אלטע צעשטיפעלטע קאפיטעס שיך, שטיקלעך פאדעשווע און לאטען מיט לאקירטע קאפקעלעך, וואס האבען מיט זייערע גלאנציגע אייגעלעך זיך געבעטען: נעמט אונז ארויס, מ׳ווערט דערשטיקט.

א פארקען פון א קוילען-סקלאד האט צוגעדעקט א פאר שטיקלעך קוילען, א ביסעל האלץ און א קליין נידעריג שטיבעלע ווו ס׳איז געשטאנען א לעזשאק, א ר׳יכערדיג אייוועלע, א פאר שווארצע טעפ און א לאקשען-ברעט אויף צוויי קלעצלעך וואס האט געדינט פאר א טיש.

דאס שטיבעלע איז געווען די וווינונג פון אנ׳ארעמע אלמנה מיט איהרע קינדער יתומים און פון דעם „סקלאד" האט זי געשטילט דעם קינדערישען הונגער מיט טרוקען ברויט.

די שטאלען פון די ארעמע „וואזשע-וואדניקעס" ליגען צעלייגט ווי בר מינן׳ס אויף דער ערד, די פערד ארויסגעטריבענע פון זייערע היימען, שטעהען ביינאכט אונטער׳ן פרייען הימעל צוגעבינדען צו אלטע אפגעדארטע ביימער און צו די וועגענער מיט צעשיטע בינטלעך היי. אזוי שטעהען זיי די פערד מיט טרויער אין די אויגען און זעהען אויס ווי היימלאזע, פערטריבענע, פון זייערע וווין-ערטער. זיצען זיי די עססעטיק-קרבנות איבער די בערג בראכווארק ווי איבער מתים זייערע הערצער פערקלעמטע, פערביטערטע, אויף די ניי אורבאניזם-גזירה וואס איז געקומען אומגערעכט און הארב.

לויפען זיי אין די הייסע יוני-טעג דערהיצטע, פערמאטערטע איבער טרעפ און קארידארען פון פערשידענע אמטען אויסצובעטען הנחות און אויף זייערע צער׳פולע פנים׳ער ליגט אויסגענאגטען דלות און פערלוירענקייט, וואס וועט מיט פערשידענע עסטעטישע מיטלען נישט פערשווינדען.

מ. גוטהערץ

וואו געפינט זיך די ווילע „גאלדע רויזע"

פון י. אבערזשאנעק

יעדען זומער, אין די גלות-וואכען, אין דער שטרויענער אלמן-צייט, איז די אנגעוויטאגסטע פראגע:

— וואו עסט איהר מיטאג?
— ווען גייט איהר צום מיטאג?
— וואס פאר א מיטאג עסט איהר: פליישיג צו יארסקע?
— זענט איהר צופרידען פון מיטאג?
— וויפיל צאלט איהר פאר א מיטאג?
— וואס באקומט איהר צום מיטאג?

אט אזעלכע פראגען הערט איהר ביי די שטרויענע אלמנ׳ס. אלע דאגות זענען אוועק. מ׳רעדט נישט וועגן: געשעפט, פראטעסטען, גמילת-חסדים, רעיענט, קאמארניק, סעקוועסטראטאר און אנדערע געשעפטליכע ענינים. די איינציגע טעמע איז — מיטאג — דאס איז א וויכטיגער זעהר וויכטיגער „פראבלעם" ביי די שטרויענע אלמנ׳ס.

אבער נישט דאס בין איך אויסען, נישט די היימישע מיטאגען בין איך אויסען צו רעקלאמירען. איך וויל נאר דערציילען וועגן מיינע שכנים, וואס עסען מיט מיר ביי איין טיש און נישט אזוי וועגן די שכנים, ווי איין שכן, א יוד א לעטניק, וואס האט זיין ווייבל ארויסגעשיקט זיך „פאפראוויען" אויפן גראז און אליין עסט ער היימישע מיטאגען. מיר האבען זיך אין די ערשטע עטליכע טעג אזוי פשיאזשניעט, אז איך קען נישט עסען אהן אים, און ער קען נישט עסען אהן מיר. קומט ער פריהער, ווארט ער אויף מיר; קום איך פריהער, ווארט איך אויף אים וואס איך עס, עסט ער און וואס ער עסט, עס איך.

דעם היינטיגען מאנטאג, בין איך געקומען פריהער צום מיטאג, פרעגט מיך די קעלנערקע:

— וואס וועט איהר עסען?
— איך מוז ווארטען — האב איך געענטפערט.
— אויף וועמען?
— נו, אויף מיין שכן.

האב איך געווארט א האלבע שעה, א שעה, אנדערהאלבען שעה. דער פיפיק האט געקלאפט, די נשמה איז מיר אויסגעגאנגען, דער זייגער איז שוין 4 נאכמיטאג. וואס איז עס מיט איהם געשעהען? וואו איז ערגעץ מיין שכן אהינגעקומען? אפשר א צופאל? א קאטאסטראפע? אפשר איז ער געפאהרן מיט אן אויטא..... ווער ווייסט? היינטיגע צייטען.... א קשיא אויף א מעשה!

און ווי איך טראכט אזוי וועגן מיין

א פאר ווערטער וועגען אונזערע יודישע פאבריקאנטן אין ראדאם.

עס געפונען זיך אין אונזער שטאט א סך אידישע פאמיליעס, וועלכע געהען פשוט אויס פון הונגער. זיי קלאפען אב די טהירען פון די אידישע כלל-טהוער, ראטמענער און בעזוכען אפט אונזער רעדאקציע, בעטענדיג רחמים, אז מ'זאל זיך איבער זיי דערבארעמען און געבען זיי וועלכע עס איז ארבייט.

די ערשטע צייט האט זיך געגלויבט, אז אפשר וועלען עפעס קענען אויסטהוען אונזערע ראטמענער אין מאגיסטראט, אפשר וועלען זיי דאך קענען בעקומען ארבייט פאר א גרעסערע צאהל אידישע ארבייטסלאזע ביי די שטאטישע סעזאן-ארבייטען. מען האט זיך אבער איבערצייגט, אז די אלע אינטערווענצען פון אונזער רעפרעזענטאנץ אין שטאט-ראט האבען נישט געהאלפען. אונזערע „רויטע״ גוטע פריינד פון מאגיסטראט האבען זיך נישט שטארק איבערגענומען מיט די טרויעריגע לאגע פון זייערע אידישע חברים-ארבייטער.

וואס איז אלזא געבליבען צו טוהן? מ'האט געפרובט מזל ביי זיך אליין; מ'איז צוגעטרעטען עפעס טוהן צווישען אייגענע. מ'האט זיך דערמאנט, אז ראדאם רעכענט זיך אלס אנגעזעהענער אינדוסטריע-צענטער, וואו מ'קען אויפצעהלען עטליכע צעהנדליג אידישע פאבריקען און גרעסערע האנדעלס-אינטערנעמונגען, וועלכע וואלטען געקענט לעזען אין א געוויסע מאס די פראגע פון דער אידישער ארבייטס-לאזיגקייט. עס איז געווען לאגיש צו דענקען, אז אין דער היינטיגער צייט וועלען אידישע פאבריקאנטען נישט אבזאגען, צו עפענען זייערע טירען פאר אזעלכע ארבייטסלאזע. וואס קאסטען נישט טייערער און ארבייטען נישט ערגער ווי די נישט-אידישע.

די פארשטעהער פון דער קהלה און די אידישע ראטמענער פון שטאט-ראט האבען בעשלאסען צו רופען א זיצונג צוזאמען מיט די אידישע פאבריקאנטען, בכדי וויי אויפצוקלערען ווי נויטיג עס איז אין איצטיגען מאמענט פון גרויסע אידישע ארבייטסלאזיגקייט, אז יעדער אידישע פאבריקאנט זאל בעשעפטיגען א געוויסע צאהל אידישע ארבייטסלאזע.

די זיצונג איז גערופען געווארען אין לאקאל פון דער אידישער קהלה, וואו ס'זענען געקומען פארשטעהער פון שטאט-ראט, פון דער קהלה, אבער קיין איין אידישער פאבריקאנט איז צו דער אזוי דרינגענדע זיצונג נישט געקומען. מען האט גערופען א צווייטע זיצונג אונזערע אידישע פאבריקאנטען זענען ווידער נישט געקומען.

אט אזוי האבען אונזערע פאבריקאנטען געהאנדעלט געגען דעם אידישען ארבייטסלאזען, געגען דער אידישער נויט. מען האט נישט געוואלט קומען זיך פעראינטערעסירען מיט'ן אידישען ארבייטסלאזען.

ווען עס געהט וועגען אזא וויכטיגען ענין, דאן זעהט מען נישט קיין איינעם פון די נאבעלע הערען, אבער שיקט נאר איינלאדונגען די אט הערען פאבריקאנטען אויף זיצונגען פון אינסטיטוציעס, וואו מען קען קריגען כיבודים, בענקלעך, מאנדאטען, וועלען זיי נישט פעהלען. נישט איינער פון זיי וועט זיך אפילו בעמיהען ביי די פרעסע-פארשטעהער, אז אין די בעריכטען זאל מען נישט פערגעסען צו צוגעבען זייער טיטול אינזשיניער א. ד. גל.

אט אזוי זעהט עס אויס מיט אונזערע פאבריקאנטען.

קאמענטארען זענען נישט נויטיג...

א. ראזענפעלד

ווער, ווער, אבער נישט ער!

אין ראדאם איז היינט געשעהען א נייעס.

די געזעלשאפט „לינת-הצדק״ איז צום ערשטען מאהל דעם היינטיגען זומער צוגעטרעטען איינארדנען א בוסק-אקציע. הגם די דאזיגע אקציע איז זינט א רייהע יאהרען געפיהרט געווארען דורך „עזרה״, האט מען פונדעסטוועגען נישט געהערט פון. ערגעץ, אז ס'זאל ווער האבען דאגעגען, אז אויך דער „לינת הצדק״ זאל אזא אקציע ארגאניזירען. פערקעהרט, פון פערשידענע זייטען בעגריסט מען די איניציאטיוו פון „לינת הצדק״, האלטענדיג, אז די בוסקער קוראציע געהט אריין אין דער קאמפעטענץ פון „לינת-הצדק״, וואס פערנעמט זיך א גאנץ יאהר מיט היילען ארימע קראנקע. אויך אונזער מיינונג איז, אז ס'איז נישט געשעהן דא קיין שום שלעכטס. ס'איז דא פלאץ פאר ביידע, אי פאר „עזרה״, אי פאר'ן לינת-הצדק: ס'וואלט נישט געווען קיין שום חסא, ווען ביידע פיהרען א דורך בוסק-אקציעס אין צוויי פערשידענע טערמינען, איינער פריהער און דער צווייטער שפעטער. אין ראדאם זענען פערהאן גענוג יודישע חולאים, וואס נויטיגען זיך אין בוסק. די שטאט וואלט נישט ארימער געווארען ווען זי שטיצט ביידע אינסטיטוציעס. אגב, הערען מיר פון מענשען, וואס זאגען זיך נישט אב צו שפענדען פאר ביידע.

עס קאן דא נישט זיין קיין רייד פון קאנקורענץ צווישען די צוויי דערמאנטע אינסטיטוציעס. ס'איז בלויז א פראגע פון געזעלשאפטליכער אינטענסיוויטעט, פון געזעלשאפטליכער ריהרעוודיגע איניציאטיוו און יעדער וואס לעגט צו א האנד און מיינט עס ערנסט און בשלימות פערדינט געלויבט צו ווערען. דעם, וואס שמעקט נישט, וואס א צווייטע אינסטיטוציע וויל טוהן א גוטע זאך און ער בעטראכט עס פאר קאנקורענץ, דער שטעלט זיך אליין אוועק אין נישט קיין גוטער לאגע און שאפט בידים אזא שטימונג, וואס איז נישט גינסטיג פאר איהם אליין. ווארום דאן פרעגט מען: וואס שאדט עס דען דיר? טהו דו און לאז א צווייטען אויך טוהן! אדרבא, זא־אנדערע אויך ארבייטען און זיי וועלען ערשט דאן וויסען אבצושאצען דיינע לייסטונגען — ס'איז נישט קיין קונץ צו רעזיגנירען און שטעלען אנ'אולטימאטום: איך, אדער דו. ווייל אויב מען שטעלט אזוי די פראגע, דאן בעקומט זיך דער איינדריק, ווי ס'וואלט געטראגען א פריוואטען כאראקטער און נישט קיין ריין-געזעלשאפטליכען. אראבלאזען די הענד און זאגען: נא דיר דאס סידור'ל און געה דו אין חדר אריין, איז אין בעציג צו קראנקע און ליידענדע, ווייס נישט קיין קאנסעקווענטע האנדלונג, אויב מען מיינטווירקליך אויפריכטיג און ערנסט מיט דער בוסק-אקציע.

אט אזא עהנליכען שטאנדפונקט האט פערנומען זיינער צייט די געזעלש. „טאז״. ווי בעוויסט ארדענט איין דער „טאז״ יעהר ביי יאהר זומער-קאלאניעס אין גארבאטקע. האט זיך איינמאל געמאכט, אז דער עלטערן-קאמיטעט פון דער „יאסעלעוויטש-שול האט אויך איינגעארדענט א זומער-קאלאניע פאר די שול-קינדער און טאקע אין גארבאטקע, נישט ווייט פון דער טאז-קאלאניע. נו, איז „טאז״ ארויסגעטרעטען געגען פערקעהרט, דער „טאז״ האט פיעל מיטגעהאלפען דעם עלטערן-קאמיטעט אין דער ארבייט, געדיענט איהם מיט זיין רוטין, מיט זיין ערפאהרונג אויף דעם געביעט און געווען צופרידען, וואס נאך יודישע קינדערלעך געניסען פון פרישע לופט און גוטע פפלעגע.

דאס אלץ זאגען מיר אויפן אדרעס פון פרעזעס פון דער „עזרה״ ה' אדלער, וועלכער האט נישט געברויכט רעזיגנירען, נאר טהון זיין ארבייט ווי שטענדיג, אזוי ווי ס'האט געטוהן דער „טאז״, וועלכער איז נישט ארויס מיט קאנקורענץ-ארגומענטען געגען דעם עלטערן-קאמיטעט.

עס שאקירט אבער ביז גאר, ווען דער בעהעלפער פון ה' אדלער, א געוויסער לייזער פישמאן, איז ארויס מיט א שמירעכץ און אויך דא אריינגעשטעקט זיין נאז. ווער איז ער און ווער פרעגט איהם? עפעס פערדריסט דעם דאזיגען יונגערמאן, וואס דער לינת-הצדק מאכט א בוסק-אקציע. ער האלט עס נישט אויס און ער איז ארויס מיט א קוויטש, בכן דער לינת-הצדק מאכט קאנקורענץ און איז אויסען געזעלשאפטליכען ריווח. פון וואנען ווייסט ער דאס. אפשר פון אייגענער פראקטיק? האט דאך דער דאזיגער אנגעפיהרט, אלס די צווייטע האנד פון עזרה-פרעזעס ה' אדלער, אלס זיין אדיוטאנט, יאהרען-לאנג מיט די בוסק-אקציעלעך. קען מעגליך זיין, אז ער ווייסט, אז די בוסק-אקציעס האבען נעשמעקט מיט געזעלשאפטליכען ריווח. ס'קומט אים א דאנק פאר דער. דאזיגער ענונציאציע. עלעהיי מען הערט נייעס. וועגן וואס מ'האט שיין לאנג געהערט רעדען, אבער נישט געגלויבט. עס ווערט ביי אונז געזאגט: „מום שבך אל תאמר לחברך״ „וכל הפוסל במומיו פסול״ (פאניע פישמאן, איהר ווייסט געוויס נעבעך נישט דעם טייטש דערפון. פון וואנען?) אבער איהר האט במחילה א גראבען טעות. דער לינת הצדק האט א פערוואלטונג פון אזעלכע ה״ה ווי מאטעל זוויקעלסקי, דענטיסט אנשער, דענטיסטין בריקמאן-וואלאכאוויטש. ד״ר גאלדבלום, אייזשעל קארמאן וכדומה, וואס מיינען געוויס נישט „געשעפט-רעקלאמע אויסגערעכענט אויף ריווח״... ניין, ס'וועט אייך קיינער נישט גלויבען. איהר האט בלויז אייך אליין דעמאסקירט, ווייל וואס געהט אייך אזוי אין לעבען, אז דער לינת הצדק זאל אויסבעסערען זיין נישט בערעכענטען שריט? פארוואס שמעקט אייך נישט, וואס אויך דער לינת-הצדק פיהרט א בוסק-אקציע? פארוואס קענט איהר נישט בעשטעהן, צי איז עס טאקע א קאנקורענץ „פאר מיין שטעטעלע בוסק?״

וואס שייך זיין בוכהאלטערישע קאלקולאציע מיט די הנחה-פרייזען פון די בילעטען און בעדער, דאס זאל איהם נישט ברעכען דער קאפ, ווייל אויב ס'וועט זיין בכלל הנחות אין בוסק, וועט דערפון דער לינת-הצדק אויך געניסען. נישט קשה, ער האט אזעלכע שנעע אוינען, ווי איהר פאניע, בוסק-פיהרער.

איהר, פאניע פישמאן, דער זוהן פון א רייכען טאטען, וואס האט א ריזיק הויז אויף וגאדנא 11, ענטפערט אויף דעם וואס מען שמועסט וועגן אייך.

מען זאגט:

1) אלס אנפיהרער פון די בוסק אקציעס דורך „עזרה״ האט איהר מיטגענומען אייערע שוועסטערן און קרובים אויפן חשבון פון דער „עזרה״ שעמט אייך נישט, מען זאגט אזוי. מאלע וואס מענשען זאגען. יעדאך שאדט נישט איהר זאלט ערקלערען און אבלייקענען אזא מימרא'לע. גלייכצייטיג מיט א פעסטגעשטעלטע פערזיכערונג פון פרעזעס אדלער, צי איהר האט דערפאר בעצאהלט.

2) מען זאגט, אז זייענדיג דער קעראוואניק פון דער בוסק-אקציע, האט איהר אין בוסק געגעבען צו עסען די קראנקע, וואס ליידען אויף אטרעטיס, אויף קאלאציע הערינג מיט ציבעלעס. צי געהט דאס אריין אין דער בוסק-דיעטע פון דער „עזרה״?

3) מען זאגט. אז ווען אייערס א שוועסטער איז קראנק געווען אין בוסק אויף אנגינא, האט איהר געטיילט די די קאלאציע פאר די קראנקע אין זעלבען צימער, וואו די אנגינא קראנקע איז געלעגען. איהר דארפט אייך נישט ערגערען. יעדער מענש קען קראנק ווערען אויף אנגינא, נאר מען טאר נישט דארט טיילען קיין עסען פאר אנדערע. ווייל אנגינא איז אנשטעקענד און דאס איז נישט ערלויבט, בפרט נאך מיט מענשען, וואס זענען אויף קוראציע אין דער פרעמד. און על אחת כמה וכמה איז נישט ערלויבט דאס צו טוהן מיט אזעלכע מענשען, וועלכע אייער פרעזעס

(ענדע זייט 6)

עטליכע ציפערן און עטליכע אויספיהרען.

ישוב-הדעת, סיסטעמאטישקייט און אויסדויער—דאס זענען די קארדינאלע בעדינגונגען פון ערפאלג אין יעדערלעבענס-אונטערנעמונג. יעדער ווייס וועגען דעם פון אייגענער ערפאהרונג און אויפמערקזאמער בעאבאכטונג פון זיין סביבה. אויב ישוב-הדעת און אויסדויער געהערען צו די בעסטע מידות, מוזען זיי בעזונדערס קומען צום אויסדרוק אין אזא וויכטיגער לעבענס-אויפגאבע ווי עס איז בלי ספק די פערזיכערונג פון דער אייגענער עלטער, אדער פון דער צוקונפט פון קינדער.

דער אונאויפהערליכער וואוקס פון דער צאהל אבשפארער און בעזיצער פון די שפאר-ביכלעך פון פ. ק. א. ווי אויך דער וואוקס פון אבשפארונגס-דעפאזיטען אין פ. ק. א. זאגט בולט עדות וועגען דעם, אז דער אויבען-דערמאנטער אמת געפינט אלץ מעהר פערשטענדעניש אין די ברייטסטע קרייזען.

גענוג אויסצורעכענען איינצעלנע ציפערען: העכער 3 מיליאן בירגער און בירגערינס בילדען די אבשפארער-מאסע פון פ. ק. א. וואס האט אנפערטרויט דער פ. ק. א. דעפאזיטען אויף אנ'אלגעמיינער סומע פון 1.037 מיליאן זלאטי.

עס אינטערליגט נישט קיין צווייפעל, אז פ. ק. א. איז די פאפולערסטע אין לאנד אבשפארונגס- אינסטיטוציע, ווייל שוין היינט — ווי עס איז צו דרינגען פון דער געבראכטער ציפער — טרויט אן יעדער צעהנטער בירגער זיינע אבשפארונגען טאקע דער דאזיגער אינסטיטוציע. אזוי איז עס דערפאר, ווייל דאס געלד, וואס ווערט דעפאנירט אויף א שפאר-ביכעל פון פ. ק. א. איז אמבעסטען פערזיכערט, פראצענטירט זיך גוט און עס איז איהם לייכט אבצונעמען (יעדער פאסט-אמט איז א זאמעל-שטעל פון פ. ק. א.).

ראדאמער יודישער פאבריקאנט שענקט אנ'אעראפלאן.

דער היגער יודישער פאבריקאנט ד״ר הענדלער, אייגענטימער פון דער גארבעריי „לודוויקא״ האט זיך געמאלדען צום ה' סטאראסטע מיעשקאווסקי, כדי בייצולעגען א דעקלאראציע, אז די דערמאנטע פירמע שענקט פאר דער נאציאנאלער פערטיידיגונג אנ' אעראפלאן אין דער ווערט פון 30 טויזענד זל.

ה' הענדלער האט איינגעצאהלט אנ' ענטשפרעכענדע סומע דעם פרעזעס פון די הויפט-פערוואלטונג פון „לאפפ״ געג. בערבעצקי.

הערבסט-צייט וועט פארקומען אויפן היגען פליה-פלאץ (סאדקאוו) דער פייערליכער אקט פון איבערגעבען דעם אעראפלאן דער פוילישער ארמעע דורך ה' הענדלער.

אומגליקליכען שכן פון די היימישע מיטאגען. עס עפענט זיך די טהיר און — אוי ווי מיר — מיין שכן פאלט אריין א בלאסער, דעם קאפ פארבאנדאזשירט. שווארצע און בלויע צייכענס אונטער די אויגען, ביילען אויפן קאפ. די הענט פארבונדען, דאס פנים אפגעשיילט, הינקט אויף א פוס.

— פאניע שכן, וואס איז געשעהן מיט אייך? — האב איך אויסגעשריגען, דערזעהענדיג איהם אין אזא מעמיד — פון וואנען קומט איהר? פון כינעזישען פראנט? פון שפאניען? איהר זעהט דאך אויס, ווי א יודישער סטודענט נאך א „לעקציע״ אין אוניווערזיטעט!...

דער לעטניק האט אראבגענומען דעם באנדאזש פון קאפ און האט גענומען דערציילען פאדראבנע, וואס מיט איהם האט פאסירט. הערט, לעטניקעס, וואס דער יוד דערציילט און נעמט אייך אראפ א מוסר השכל:

— דעם פערגאנגענעם פרייטאג, צום ערשטען ארויספאהר צו מיין בני-בית אויף דער לעטניסקע, האב איך ווי תמיד, צום ערשטען ארויספאהר, צוגענרייט דעם אמת'ן באגאזש. א פול נעפאקטען פשעמאדאן מיט סיטען און טיטלעך, פאשאמקעס, טרוסקאווקעס, קארשען, אגרעס, פאמידארען, א לעבעדיג פישעל און א טעפל פיש-יויך, א כשר געמאכטע אדערקע, א פלעשעל וויין אויף קידוש, א חוץ נאשווארג פאר חבורה קליינווארג...

דעם גאנצען וועג האב איך געטראכט, ווי מיין לעטניטשקע וועט זיך פרייען מיט דעם באגאזש, ווי דאס פנים וועט איר שיינען פון שמחה, ווי זי וועט ארומלויפען פון שטוב צו שטוב. פון ווערענדע צו ווערענדע און די שכנ'טעס אויף צו פיקעניש ווייזען, וואס דער מאן האט מיטגעבראכט. ס'האט זיך מיר אויך פארגעשטעלט, ווי די חבורה קליינווארג וועלען זיך וואשען צו די טיטלעך נאשווארג. ווי איך וועל ליגען אויסגעלייגט ווי א גראף אויפן ליעזשאק און מיין לעטניטשקע וועט מיך „צו פילנעווען״

אזוי האב איך דעם גאנצען-וועג פאנטאזירט, נאר ווי זאגט איהר: דער מענש טראכט און גאט לאכט. האב איך געהאט א שבת, ווינש איך עס נישט מייגע שונאים הערט, וואס עס האט מיט מיר פאסירט:

איידער מיין יודענע איז ארויסגעפאהרען, פרעג איך איהר:

— ווי הייסט די ווילע?

— דארפסט דיר נישט נאטירען. די ווילע הייסט אזוי ווי איך

— נו, האב איך מיך טאקע נישט פארנאטירט, און ווען איך בין דעם פערגאנגענעם פרייטאג צום ערשטען מאהל געקומען אין דארף אריין, פרעג איך ביי א פויער:

— „פאניע, גדזשע טו יעסט ווילא גאלדא רויזא?״

קוקט מיך דער פויער אן פון קאפ ביז פיס, ציהט מיט די פלייצעס:

— „צא״ז ווילא גאלדא רויזא? — פשי פאן זווריאוואל?...

האב איך דאך געזעהן, אז איך האב פונקט אנגעטראפען אויף א פויער אנ'אנטיסעמיט, פרעג איך א צווייטען פויער:

— „פראשע פאנא, גדזשע טו יעסט ווילא גאלדא רויזא״?

האט דער פויער געשמייכעלט אונטער די וואנסעס:

— כא... כא... ווילא גאלדא רויזא!...

דער פויער האט געלאכט, געצויגען מיט די פלייצעס און אוועק.

אזוי בין איך נעגאנגען פון איינעם צום צווייטען. דעם טשעמאדאן מיט די פעק טיטען און טיטלעך אויף די פלייצעס. יעדען האב איך אפגעשטעלט און געפרעגט: „גדזשע טו יעסט ווילא גאלדא רויזא״. יעדער האט געלאכט, געצויגען מיט די פלייצעס און אוועק.

בין איך געגאנגען מיט דער שווערער משא אויף די פלייצעס, געגאנגען מ'ווילע ל'ווילע, געהאלטען אין איין פרעגען „גדזשע יעסט ווילא גאלדא רויזא״. דערווייל האט צוגעשלאגען די נאכט: פון די ווערענדעס האט מען געהערט מאכען קידוש און דא שלעפ איך מיך ארום אין דער פרעמד. נע-וונד, אהן אהיים, מיט א משא אויף די פלייצעס.

פלוצים האט גענומען גיסען א שלאקסרעגען. ס'האט גענומען דונערן און בליצען נישט ווי, נישט וואו, האב איך מיך פארטשעפעט אין שטעך-דראהט. ביי יעדען פארטשעפען אין די דראהטען, האב איך געזעהען די עלטער - באבע, וואס רוהט אין ליכטיגען גן-עדן. עס איז שוין געווען שטאק-פינסטער. עס זענען ארויסגעלאזען געווארען די הינט, וואס האבען מיך מקבל פנים און מקבל נאגשוויצע געווען

איהר ווילט וויסען דעם סוף? דער סוף איז געווען, אז ווען ס'האט גענומען טאגען, האב איך א קוק-געטון אויף א ווילע ארום וועלכער כ'האב מיך געדרייהט די גאנצע נאכט. אויף דער ווילע האט געהאנגען א שילדעל:

„ווילא זלאטא רוזשא״..

— איצט פארשטייט איהר דאך מסתמא דעם מיספארשטענדניש. איך האב מיין יודענע געפרעגט, ווי עס הייסט די ווילע, האט זי געזאגט: די ווילע הייסט אזוי ווי זי און גיי ווייס. אז אין דארף הייסט מיין גאלדע רויזע — „זלאטא רוזשא״!...

— איהר זעהט דעם געבונדענעם קאפ? די ביילען און בלויע צייכענס? איהר זעהט די אפגעפליקטע הויזען? דאס איז פון די שטעך-דראהטען און פון דעם הינטישען קבלת-פנים און דאס אלץ צוליב וועמען? אלץ צוליב מיין יודענע — אז נישט געדאכט זאלען זיי ווערען, די ווייבער!..

אזכרה נאך די פערשטארבענע מנהיגים ד"ר הערצל און חיים נחמן ביאליק ז"ל.

לויט דער איניציאטיווע פון דער לייטונג פון קרן קימת לישראל אין ראדאם איז היינטיגען כ' תמוז (דינסטאג דעם 19/7 38) איינגעארדענט געווארען אין דער ארטיגער גרויסע שוהל א אזכרה צום יאהרצייט פון די פערשטארבענע מנהיגים ד"ר הערצל ז"ל און חיים נחמן ביאליק ז"ל. ס'זענען פונאנדערגעקלעבט געווארען קלאפסידרעס אין די גאסען פון דער שטאדט. אין דער שוהל האט זיך פערזאמעלט א גרויסער עולם, פאר וועלכען ס'האבען רעפערירט מעניני דיומא און וועגען די פערשטארבענע מנהיגים די ח"ח יצחק גרין און משה חייסמאן. חזן ראנטאל האט געזונגען א קאפיטעל תהילים און געמאכט א „אל מלא רחמים" די פערשטארבענע, ווי אויך די קדושים אין א"י. מיט'ן געזאנג פון „התקוה" איז די טרויעריגע פייערליכקייט פערענדיגט געווארען.

דעם 19 און 20 איז פארגעקומען א קרן קימת לישראל אקציע פון כ' און כא' תמוז פאר די יערות הערצל. די זעלבע אקציע וועט פארקומען דעם קומענדען זונטאג אין גארבאטקא. זאמלערפארען זענען שוין געווארען דעלעגירט. די יודישע נאציאנאלע בעפעלקערונג ווערט אויפגעפאדערט צוצונעמען די זאמלער בסבר פנים יפות.

רעבי מייער און לארד ריטואלני.

אין היגען קרייז-געריכט איז פאראהאן א ספעציעלער קאבינעט פאר די אדוואקאטען. אין זעלבען קאבינעט הענגען די אדוואקאטישע טאגעס; איז א טשעקאווע זאך, וואס אין דער גארדעראב. איבער דער טאגע פון אדוו. מייער איז דא אנ'אויפשריפט: רעבי מאיער (רבי מאיר) און איבער דער טאגע פון אדוו. פעניגשטיין די אויפשריפט: לארד ריטואלני.

ביידע אויפשריפטען קוקען אזוי כסדר אראב פון די גארדעראבעס פון די 2 יודישע אדוואקאטען, וועלכע מאכען זיך נישט וויסענדיג און רעאגירען גארנישט געגען דעם. יעדען טאג, ווען זיי טוהען זיך אן די טאגעס, פאלען זייערע בליקען אויף די אויפשריפטען און זיי ווינדערען זיך שוין צומאל נישט, ווי ס'וואלט אזוי געברוכט זיין. זיי שעמען זיך אויך נישט מיט אזעלכע טיטולען. מילא — טראכטען זיי — זאל זיין רבי מאיר, זאל זיין לארד ריטואלני, אבי נישט ערגערס.

ס'איז גאנץ שעהן, וואס אזא אדוו. מאיער שעמט זיך נישט מיט'ן טיטול רבי מאיר און וואס פאר אזא אדוו. פעניגשטיין איז נישט קיין בושה דער טיטול לארד ריטואלני. זיי ווייסען אבנים „אז וואס מיר זענען, זענען מיר, אבער יודען זענען מיר"...

א סברא, אז דאס דאזיגע שטיקעל ארבייט שטאמט פון יענע אדוואקאטען „קאלעגען", וואס צייכענען זיך נישט אויס מיט גרויסע אהבת ישראל. עס בלייבט אבער אינפערשטענדליך יענער „געניאלער" קאפ וואס האט אויסגעטראכט די דאזיגע חכמה פארוואס ער האט גראד טיטולירט דעם אדוו. פעניגשטיין אלס לארד ריטואלני. מילא רבי מאיר לאזט זיך נאך תופש זיין. אדוו. מאיער און רעבי מאיער, איז נאך יאקא-טאקא. ס'האט אנ'ענליכען קלאנג. וואס פאר א סמיכת הפרשיות האט אבער פעניגשטיין צו לארד ריטואלני? אפשר ווייסט יענער, אז ביי אדוו. פעניגשטיין ווערט געפיהרט א ריטואלני קיך? דאס איז אבער אויך נישט קיין ארגומענט, ווייל ווי קומט דא אהער דער טיטול לארד?

עצות פון לעזער וועגען סאנקציעס

און ווי אזוי מ'זאל איינמאהנען אויף דער ווינטער-הילף.

אין דער אנקעטע פון היגען „דזיען-דאבריי" וועגען אנווענדען שארפע מאראלישע סאנקציעס זענען צוגעקומען נאך צוויי שטימען. איינע פון זיי איז פון א געוויסען אנדזשעי ק. (ווידער די זעלבע פראגע: פארוואס נישט דער פולער נאמען? רעד.) וועלכער עצה'ט, אז די וועלכע האבען נישט איינגעצאהלט אויף דער ווינטער-הילף, זאלען נישט געניסען פון קיין שום שטייערען-הנחות אין „אוזשאנד - סקארבאווי", אפילו נישט די הנחות פון אויסצאהלען די שטייערען אין ראטעס. און, כדי דער שטייער-אמט זאל זיך קענען אריענטירען, זאל מען אים צושטעלען אזא רשימה, פון די וואס האבען נישט געצאהלט אויף דער ווינטער-הילף. דער ה' ק. גיט נאך צו, אז ס'בעסטע וואלט געווען, צו צושיקען ליסטעס צו די פערוואלטונגען פון די סוחרים-פעראיינען און האנדווערקער-ארגאניזאציעס, אז זיי זאלען איינמאהנען ביי זייער מיטגלידער דעם אבצאהל פאר דער ווינטער-הילף, ארויסשיקענדיג צו דעם צוועק אינקאסענטען, אדער פערטרויאונג'ס מענשען, וואס זאלען געהן פון שטוב צו שטוב און פון געוועלב צו געוועלב.

די צווייטע שטימע איז שוין אינגאנצען אנאנים. דא זענען אפילו נישט אנגענעגעבען קיין איניציאלען. דער דאזיגער אנאנימער לעזער זאגט זיך ארויס געגען דער שווארצער ליסטע, ווייל די שפענדונג אויף דער ווינטער-הילף טראגט א גענצליך פרייוויליגען כאראקטער. דער זעלבער גיט איבער פאלגענדען אינטערעסאנטען פאקט:

„איינער פון די בעוויסטע פובליציסטען אין ווילנא צאט מאצקיעוויטש (רעדאקטאר פון ווילנער „סלאווא" רעד.) האט געשריבען, אז ער האט געגעבען אויף דער ווינכער-הילף, גלויבענדיג, אז דאס איז א פרייוויליגע אקציע. מיט'ן מאמענט אבער, ווען ס'האבען זיך בעוויזען די „שווארצע ליסטעס" האט ה' מאצקיעוויטש ערקלערט עפענטליך, אז ער וועט די „סקלאדקע" נישט צאהלען און ווי באלד מען וועט איהם פובליקירען אויף דער שווארצע ליסטע, וועט ער צו ציהען דעם פארזיצענדען פון קאמיטעט צו פעראנטווארטליכקייט פאר בעליידיגונג".

דער לעזער פון „דזיען-דאבריי" וואס קריטיקירט די מעטאדע פון אזעלכע מאראלישע סאנקציעס, קומט אבער צום אויספיהר, אז מען דארף פערוואנדלען דעם שטייער פאר ווינטער-הילף אין א צוואנג'ס - רעפארם אויפ'ן געזעצגעבערישען וועג. מ'דארף זיך'נישט רעכענען מיט קיין סענטימענטען, נאר דאס מוז זיין א פאקטישער פליכט און נישט קיין מאראלישער. מ'וועט דעמאלט פערשפארען ארויסצוגעבען אויפרופען צו דער געזעלשאפט, מ'וועט נישט ברויכען זיך בענוצען מיט שווארצע ליסטעס; דער שטייער-אמט וועט צושיקען א „נאקאז פלאטניטשי" און דאס וועט האבען א פיעל גרעסערע „איבערצייגענדע קראפט". מיט איין ווארט, נישט קיין פרייוויליגע גאב, נאר די ווינטער-הילף מוז טראגען א צוואנג'ס-כאראקטער. זי מוז איינגעגלידערט ווערען צווישען אלע אנדערע ביי אונז פערפליכטענדע שטייערען.

האט אייך אנפעטרווירט. שאדט נישט, נעמט אייך נישט צום הארצען, מ'קאן אמאהל זיין א חושד בכשרים. פאר אייך אבער אלס אזעלכער וואס האט מסתמא געארבייט לשם אידעע אין עזרה, בוסק און בית-יתומים, איז נישט געוווּנשען, אז מ'זאל אזוי זאגען אויף אייך און דעריבער ברויכט איהר ערקלערען, צי די אלע זאגעכצען האבען א ממש, צי נישט. אבער דאס ענטפערן זאל נישט זיין געבעבעט, נאר קלאר אויסגעקלערט, אז ס'זאל אלעמען איבערצייגען.

מיר האבען די אלע זאגעכצער נישט געברענגט ביז היינט, ווייל מיר האבען חס געהאט אויפ'ן כבוד פון דעם אלטען עזרה-פרעזעס ה' אדלער. ווען אבער דער דאזיגער האט געהאט די חוצפה ארויסצוטרעטען מיט חשדים געגען אנ'ערליכע און אנגעזעהענע אינסטיטוציע, ווי ס'איז דער „לינת-הצדק", האבען מיר געפונען פאר נויטיג איהם צו דערמאנען, וואס מען זאגט, וואס מען זאגט וועגען בוסק און זאל ער נישט אריינשטעקען די נאז אין אלע שיסלען, נאר כריהער זעהן, צי זיין אייגען שיסעלע איז אין ארדנונג...

א היגער.

פון ראדאמער ספארט

„קארדיאן" - בליזשין „גוויאזדא" 1:5 (0:0)

פערגאנגענעם זונטאג איז אויף דעם ספארט-פלאץ פון היגען פולק פארגעקומען א פוטבאל - מעטש וועגן „צ"-קלאס צווישן דעם ספארט קלוב „קארדיאן" פון בליזשין און דער היגער „גוויאזדא". די בליזשינער פוטבאליסטען האבען נאך איינמאל בעוויזען (אין בליזשין האבען זיי מיט גוויאזדא געפונען (6:2) אז זיי שפילען פיעל בעסער ווי „גוויאזדא". זיי האבען בעזיעגט די אידישע מאנשאפט מיט א הויכען רעזולטאט: 5:1. ביז דער פויזע האט זיך גוויאזדא זעהר שעהן געהאלטען און נישט געלאזט שיסען קיין איין גאל. נאך דער פויזע ווען דער ריכטער האט געהייסען פערלאזען דעם ספארט-פלאץ איינעם פון די גוויאזדא-שפילער, איז די לעצטע אפגעשוואכט געווארען און געלאזט זיך ארייננצעהלען 5 גאלען.

פאר גוויאזדא האט דעם איינציגען גאל געשאסען פרידמאן.

ריכטער ה' אדאמסקי.

„הוראגאן" „נורדיה" 0:4 (0:0)

אין פושיטיק איז פארגעקומען א פוטבאל-מעטש צווישען דעם פושיטיקער „הוראגאן" און דעם ראדאמער „נורדיה" וועגן דער מייסטערשאפט פון „צ"-קלאס.

די פושיטיקער פוטבאליסטען האבען דעם מעטש געווינען מיט'ן רעזולטאט 4:0. ביז די פויזע האבען זיך די נורדואיסטען גוט געהאלטען און דער רעזולטאט איז געווען 0:0. די מפלה האבען די נורדויער געליטען דערפאר, וואס זייער טויערמאן האט זיך געשפילט זעהר שוואך.

ריכטער איז געווען ה' סטאנישעווסקי פון ראדאם. אר.

מיר האבען שוין, ווי דער אמת איז, געהאט גענוג צייט צו פערדרייען און זיך צוגעוויינען צום דעם ספעציפישען און אונבעגרעניצטען חשק פון די כלי-קודש אונאויפהערליך צו ציהען יניקה פון דער קהלה ישע פושקע, נישט דוקא פאר שווערע ארבייט, גיכער פאר גאר נישט טהוען, — אבער דער ארויסטריט אין דעם פאראכטאגענדען נומער „ראדאמער-קעלצער לעבען" פון געוועזענעם חזן יאפפע ענטהאלט אין זיך א געוויסע מאס ספעציעלע חוצפה.

די שוהל האט שטעטס געהאט גענוג אויסצושטעהן פון ה' יאפפע'ס און זיין כאר'ס מיאוסע שטרייקען פאר יעדען דאווגען און יעדעס מאהל זינגען. העכסט ווארשיינליך איז עס געקומען פון דער זעלבער היים-סביבה, וועלכער ער דערמאנט אין זיין לעצטען אויפרוף. צי מיינט די פרוי פון ה' יאפפע צו פארטזעצען איהר טאקטיק אויך ווען אנדערע חזנים וועלען דאווגען? פארוואס האט אזא פאל קיינמאהל ביים חזן קופפער נישט פאסירט?

דער עמוד געהערט נישט צו אייער פרוי, ה' יאפפע. שטרייקען און סאבאטאזשען האבען אין א שוהל קיין ארט נישט. אין א מקום קדוש זענען זיי נישט דערלאזבאר. צוליב בולט'ע סימפטאמען אז איינער פון די נייע קאנדידירענדע חזנים איז פעהיג צו געהן אויף די זעלבע דרכים, וואס ה' און פרוי יאפפע, — איז ער טראץ גרויסע שאנסען, אויף דעם פאסטען, נישט אנגעקומען.

ה' יאפפע! פאר דער צייט וואס די היינטיגע גמינע אמטירט איז אייך פאקטיש געקומען נאר פאר 14 מאנאטען פענסיע, פון 1/7 1936 ביז 1/9 1337 ד. ה. . . . . 2520 זל.

אין סעפטעמבער 1937 האט איהר אייך אבגעזאגט. איהר האט ערקלערט, אז איהר וועט נישט מעהר דאווגען. אייער חוב איז געוועזען, ווי עס פיהרט זיך אויף דער גאנצער וועלט. צו שטרעבען צו דער עמעריטור אין דעם געעריגען פערזיכערונג'ס-אנשטאלט, ווייל די גמינע האט גלייך אויף די ימים-טובים געמוזט אנגאזשירען א אנדערען חזן פאר גראב געלד. אויף צווייערליי פענסיעס האט די גמינע קיין מיטלען נישט.

נעמענדיג אין בעטראכט, אז די היינטיגע גמינע האט אייך אויסגעצאהלט 3729.34 זל. שטעלט זיך ארויס, אז אין דער ווירקליכקייט איז אייער חוב פון די פריהערדיגע גמינעס:

אין בעטראג	3771.81 זל.
קלענער געווארען מיט (3729, 34 – 2520)	„ 1209.34
און עס ברויכט אייך צו קומען	„ 2562.47
אבציהענדיג די 1500 זל. וועלכע זענען צוזאמענגעשטעלט געווארען פאר אייך און וועלכע וועלען א קורצע צייט רעאליזירט ווערען	„ 1500,
וואלט נאך די גמינע אייגענטליך אייך שולדיג געבליבען	1062.47 זל.

ווי איהר זעהט, איז אייך די היינטיגע גמינע קיין איינציגען גראשען נישט שולדיג געבליבען. פערקערט, זי האט אייך אלעס בעצאהלט מיט א עודף און א חוץ דעם אויס הומאניטארע גרונדען אנערקענט נאך פאר א האלב יאהר פענסיע פון 1-טען ווזיעשען 1937 ביז אין 1-טען מאזשעץ 1938 אין בעטראג 1080 זל. און אויף דעם אופן דערהאלטען די הויך פון דעם אלטען חוב צו בעצאהלען. און דאס מוזט איהר אויך געגענזייטיג אנערקענען.

אייער בעקלאגען זיך אויף דער ארט דעקונג פון 1500 זל. וועלכע זענען לויט אונזער איינזעהן 100 פראצ. רעאל, איז אויך אהן יעדן גרונד.

די זאך איז פעסטגעשטעלט געווארען אין אייער אנוועזענהייט; איהר האט דארויף געגעבען אייער הסכמה און איהר זעלבסט האט דעם חזן ראנטאל ביי רעם קאנטראקט אונטערשרייבען אין דער גמיגע גראטולירט.

עס איז אלזא איבריג זיך צו ווענדען מיט רוישענדע אויפרופען צו דער עפענטליכקייט, וועלכע וועלען אייך גארנישט געבען. דאגעגען איז די גמינע, וועלכע האט אייך אין משך פון דער צייט, אויף וועלכע איהר פעררופט אייך, אויסגעצאלט פיעל גרעסערע בעטראגען ווי אייך קומט יעצט — א גענוגענדער בטוח צו בעצאהלען די רעשט. און אויב דאס מוז געשעהן טיילווייז, נישט אויף איינמאהל, איז ערשטענס די גמינע אין דעם נישט שולדיג, און צווייטענס איז עס אויך נישט קיין מעלעער. די גמינע האלט נישט אייער געלד אין בעטריב אזוי גוט, ווי איהר פיהרט נישט קיין מסחר. סאבאטאזשען זענען יעדענפאלס אין דעם פרט צוועקלאז.

מיר בעטען דעם בריעף אנערקענען אלס אזהרה געגן יעדן געוואלט-אקט.

ציטוו. יודישע קהלה-פערוואלטונג
אין ראדאם

צום ה' מ. אדלער!

ווי אייך איז גוט בעקאנט, האט דער קאמיטעט, וועלכער איז געשאפען געווארען און האט זיך פערזאמעלט אויף זיצונגען אין דער צייט פון שפיטאל-רעמאנט — בעשלאסען אויף א זיצונג אין שפיטאל, אז די פערזאנען, וועלכע פערנעמען אהן נוצליך פארן שפיטאל וואהנונגען זאלען עקסמיטירט ווערען.

איהר פערנעמט א וואהנונג, וועלכע איז פלאנירט אויף איינצוריכטען דארט א גינעקאלאגישע אבטיילונג און דורך אייער פערנעמען דעם לאקאל שטערט איהר דאס ענטשטעהן פון אזא וויכטיגע זאך. איהר ווערט אלזא אויפגערופען אונבעדינגט די טעג דעם לאקאל צו פערלאזען, נישט ברענגענדיג דערצו, אז די גמינע זאל אויספיהרען דעם „ווירא", וועלכען די גמינע בעזיצט געגן אייך.

די ציטוו. יודישע קהלה-פערוואלטונג
אין ראדאם.

«טאז» שוין ארויסגעשיקט די צווייטע גרופע קינדער אויף דער קאלאניע אין גארבאטקע.

היינטיגען דינסטאג איז צוריקגעקומען די ערשטע גרופע קינדער פון דער טאז-קאלאניע אין גארבאטקע. אלע קינדער זעהען גוט אויס און גיבען איבער פיינע גרוסען פון דער קאלאניע. די קינדער פיהלען זיך מונטער און אויפגעלעבט. אויף זייערע פנים'לעך וואס זענען אבגעברענט און שפראצען מיט א געזונטע און קרעפטיגע הויט-פארב, דערקענט מען, אז ס'האט געוואכט איבער זיי א פעראנטווארטליכע און זארגפעלטיגע לייטונג.

פיעל קינדער האבען זיך פשוט נישט געוואלט געזעגנען מיט דער קאלאניע, בעטענדיג זיך איבערצולאזען אויף אויפ'ן צווייטען סעזאהן.

די קינדער האט מען געוואויגען צוויי מאהל: ביים אוועקפאהרען און צוריקקומען און דער רעזולטאט איז א גאר בעפרידיגענדער. יעדען קינד איז צוגעקומען היבש אויף דער וואג.

דער גאנצער אפאראט אויף דער קאלאניע, אנהויבענדיג פון ד"ר גאלדבלום און דעם לייטער ה' קופפערבלום ביז דעם לעצטען פון פערסאנאל ערפילט זיין מיסיע אויסגעצייכענט לטובת יעדען קינד אויף דער קאלאניע.

היינטיגע וואך, מיטוואך, איז באלד אבגעפאהרען אויף דער קאלאניע די צווייטע גרופע, אין א צאהל פון קרוב הונדערט קינדער.

דאס לעבען אין קעלץ.

זי איז געפאהרען צו איהר זוהן אויפ'ן פראנט און געווינשען ערפאלג!

פרוי ד״ר פעלץ גיט אפ א גרוס פון די קעלצער אין ארץ-ישראל.

(ל.) כמעט אלע יודישע מאמעס, וואס האבען קינדער אין ארץ-ישראל געהען ארום די לעצטע וואכען ווי צורודערט. זיי וואלטען געוואלט אהיימציהען אין די איצטיגע אונרוהיגע טעג זייערע קינדער. טייל שרייבען לופט-בריוו און טייל שיקען זאגאר דעפעשען און ווען זיי דערהאלטען חשבונות, אז ס'וועט גארנישט העלפען, אז אין איצטיגען מאמענט איז א חרפה צו פערלאזען דעם ישוב בערוהיגען זיי זיך אלץ נישט און טראכטען ווייטער, ווי אזוי צו ווירקען אויף די „ווידערשפעניגע" קינדער...

ס'איז פאר מיר דעריבער געווען אן אמתע סאטיספאקציע, ווען איך האב היינטיגע וואך געהאט א געשפרעך מיט פרוי ד״ר פעלץ, וועלכע איז אט-וואס צוריקגעקומען פון ארץ-ישראל, וואו זי האט בעזוכט איהר זוהן יאנאס, וועלכער דינט אין דער ארץ-ישראל-פאליציי. אויך פרוי ד״ר פעלץ איז מסתמא געפאהרען מיט דער דעה צו ווירקען אויף איהר זוהן ער זאל נעמען עפעס א אורלויב אין די שווערע טעג, אבער קומענדיג אין לאנד און בעקענענדיג זיך מיט דער הערשענדער שטימונג אין ישוב און מיט דער אויסערגעווענליכער איבערגעגעבענקייט פון דער יודישער יוגענד צו הגנת הארץ, האט זי אפילו נישט געוואלט מער טראכטען וועגען די צילען פון איר נסיעה.

די אטמאספערע אין לאנד - ניט איבער פרוי ד״ר פעלץ - איז אמת אנ'אנגעגליהטע. דאך בעמערקט זיך נישט קיין פאניק ס'הערשט א טיפער אינערליכער גלויבען אין א בעסערער צוקונפט. וואס מוז קומען טראץ אלע שוועריגקייטען. די יוגענד איז אפפערוויליג און קאמפפעהיג. אפילו קינדער פון 10 יאהר זענען שוין בעהערשט פון גייסט צו פערטיידיגען דעם ישוב אינם קאמף מיט די אראבישע טעראריסטען-באנדעס. די לעצטע וואכען האבען געבראכט א קאלאסאלע ענדערונג אין דער בעציהונג פון די ענגלענדער אין ארץ ישראל צו די יודען. ביז איצט האט אנ'ענגלישער מיליטער-מאן, אדער פאליציסט געהאט דרך-ארץ פאר די אראבער. היינט האבען זיי שוין פאר א רעוויזיאניסט פיעל מעהר דרך-ארץ.

סך-הכל האט פרוי ד״ר פעלץ געווילט אין לאנד דריי וואכען. דאך האט זי בעוויזען זיך גלענצענד צו אריענטירען אין פיל פאליטישע און געזעלשאפטליכע פראגען. זי האט אפילו געכאפט א פאר טוץ העברעאיש ווערטער און, דוכט זיך, אז פון איצט אן וועט אין קעלצער „קלוב טאוואזשיסקי" ווערען א מאדע צווישען די דאמען זיך צו לערנען עברית..

און א גרוס האט אונז פרוי ד״ר פעלץ געבראכט פון א האלבע קעלצער קאלאניע אין ארץ-ישראל. דעם געוועזענעם קהלה-פרעזעס וואלף קלוסקא האט זי געטראפען אין אין גאס לויפען מיט א טעקע אין האנד.

— פאניע פרעזעשע! — האט זי איהם גערופען.

קלוסקא האט זיך אויסגעדרעהט, געכאפט א קורצען שמועס וועגען קעלץ און ערקלערט, אז ער פיהרט דורך א רעיעסטראציע פון די איינוואהנער אין תל-אביב און דעריבער מוז ער ווייטער לויפען.

ה' בנימין לעוו האלט זיך נאך ביים דער זעלבער בראנזשע, וואס אין קעלץ. אויך משה ראטענבערג האט זיך נישט פיל געענדערט. ער איז א העכערער פקיד, מאכט גוטן היימישען וויין און האט פיינד רעוויזיאניסטען. פראפ. פנחס ציטרין האט דוקא זיך געוואלט דערוויסען, וואס מען הערט אין קעלצער „מזרחי". ליידער — זאגט פרוי פעלץ — האב איך איהם וועגן דעם נישט געקאנט אינפארמירען...

יאנאס פעלץ דינט איצט, ווי געזאגט, אין דער משטרה. ער ווייזט ארויס גרויסע פעהיגקייטען אויף דעם געביט און בקרוב זאל ער אפגעשיקט ווערען קיין לאנדאן אויף שטודיום אין א העכערער פאליציי-שולע. מיט א יאהר צוריק האט יאנאס פעלץ צוזאמען מיט אנ'ענגלישן פאליציאנט דורכגעפיהרט א רעוויזיע אין אלע אויטאס וואס זענען געגאנגען פון חיפה קיין ירושלים. ס'איז נעמליך געווען א פערדאכט, אז עס ווערט געפיהרט געוועהר. אין איינעם פון די אויטאס איז דאן אקוראט געפאהרען אדאלף נאוואטשינסקי, וועלכער האט צו יענער צייט געווילט אין לאנד. פעלץ האט איהם גענומען רעווידירען פון קאפ ביז פיס... נאוואטשינסקי האט געטענהט, אז ער איז א פרעמדער, א זשורנאליסט, אבער פעלץ האט זיך געמאכט כלא-יודע און געענטפערט, אז ער מוז רעווידירען, ווייל ער האט אזא בעפעהל און בעת מעשה געהאט הנאה, וואס ער קען דעם שונא ישראל אביסעל דערצערנען...

איך בין געפאהרען צו מיין זוהן — ענדיגט פרוי ד״ר פעלץ — אויפ'ן פראנט ווען איך האב דערזעהן זיין דרייסקייט און זיכערקייט, האב איך איהם צוגעגעבען מוט און געווינשען ערפאלג אין זיין דינסט פאר'ן פאלק און לאנד.

ענדעקישער טהוער בעשולדיגט א יוד פאר בעליידיגען.

דער יודישער יונגערמאן ראובן דודקעוויטש (נאווי שוויאט 35) איז צוגעצויגען געווארען צום געריכטליכען פעראנטווארטליכקייט פאר בעליידיגען דאס פוילישע פאלק.

אלס הויפט-עדות מצד דער בעשולדיגונג איז ארויסגעטרעטען יוזעף קענסקא, מיטגליד פון דער ענדעקישער פארטיי, געוו. בעשולדיקטער אין פראצעס פאר ווארפען א באמבע אויף די יודישע געשעפטען. דער דאזיגער ענדעקישער „העלד" איז געברענגט געווארען אין געריכט דורך פאליציי, דען אין ערשטען טערמין, וואס דער פראצעס האט געזאלט בעטראכט ווערען האט ער זיך נישט צוגעשטעלט, און דאס געריכט האט איהם פער'משפט אויף 100 זל. שטראף אדער 10 טעג ארעסט.

דער דאזיגער עדות שטעלט פעסט, אז ר'האט געהערט ווי דער אנגעקלאגטער דודקעוויטש, האט געזאגט אויף 2 אדורכגעהענדע רעזערוויסטען „טא כאמסקיע פאלסקיע בידלא"; דאגעגען די 2 רעזערוויסטען האבען ערקלערט דאס ווי האבען אזעלכעס נישט געהערט. די פערטיידיגער אדוו. קאלמוס און אדוו. אייכעל, נעמען דעם הויפט-בעשולדיגונג'ס עדות קענסקא אונטער א קרייץ-פארהער, ווי ער גיט סתירות'דיגע ענטפער'ס. דאן ווערען פארהערט די פערטיידיגונג'ס עדות: י. ראזענשטיין, ל. גאלדבערג ה' קאטליצקי, און א שווארץ. די דאזיגע ערקלערונגען בעזונדערס פון עדות קאטליצקי, ווארפען אינגאנצען אפ די בעשולדיגונג.

נאך א לענגערע בעראטונג האט דאס געריכט ארויסגעטראגען א בעפרייאונג'ס-אורטייל, צוליב'ן מאנגל אין בעווייזען. דער פראקוראר האט אנגעקינדיגט אנ'אפעלאציע.

דער אורטייל איז דורך דעם פערזאמעלטען יוד. עולם לעבהאפט קאמענטירט געווארען.

M. TENENBAUM
Artykuły Techniczne
KIELCE, Sienkiewicza 23
Tel. 13-27

poleca:

pasy transmisyjne, gazę szwajcarską
oryg. DUFOUR, przybory młynarskie
i tartaczne, wyroby gumowe,
art. techniczne.

Wyrazy serdecznego współczucia
z powodu przedwczesnej śmierci naszego kierownika
B. P. **Dawida Bugajera**
pozostałej rodzinie
składa
Personel Związku Przemysłowców
i Kupców Drzewnych Okręgu Kielecko-Rad.
w Kielcach

Ajencja Ubezpieczeniowa
A. Frydman i W. Zimnowoda
Kielce, ul. Focha 50 tel. 13-42

רעפרעזענטירט אלע אינלענדישע און אויסלענדישע אסעקוראציע-געזעלשאפטען.

ערלעדיגט פינקטליך אין גאנצען לאנד אלע ארט פערזיכערונגען איבערהויפט פייער, גנבה א. ד. ג. אסעקוראציעס

לאנגיעהריגע ערפאהרונג אונבעגרענצטען צוטרוי.

אבטיילונג פאר אסטראוויעץ, אפאטאוו, וויערזשבניק און אומגעגענד.

וואך שפיגעל

אחדות-פינקטען

לעצטענס האט די יט״א איבערגעגעבען פון לאנדאן א ידיעה, אז עס האלט ביי א צוזאמענטרעף צווישען וויצמאן און זשאבאטינסקי; דאס זאל זיין דער אנהויב פון אנ'אחדות צווישען יודישען פאלק.

די ידיעה האט ארויסגערופען האפנונגען ביי יעדען, ווייל יעדער יוד האט שוין איינגעזעהען, ווי ווייט מיר זענען פערקראכען דורך די אלע קריגערייען, קאנפליקטען, יודישע קאמפען אדג.

מיר ווילען נישט איבערוועגען לטובת וועלכע ס'איז בעוועגונג, נאר בדרך כלל אנשליסען זיך אין די מיינונג, אז די גאנצע ירידה אונזערע האבען מיר צו פערדאנקען טאקי אט די קאמפסלוסטיגקייט, און ווילען מיר נאך ראטעווען די לעצטע שאנסען, די נאך נישט פערלוירענע האפנונג מוזען מיר זיך ווי אמשנעלסטען קאנסאלידירען, פעראייניגען אונזערע קרעפטען.

אויף אונזערע הערצער מוזען מיר אויסקריצען, פאר אונזערע אויגען מוזען מיר שטענדיג זעהען די אויפשריפט: צושפליטערונג איז אונזער אומגליק, פעראייניגונג איז אונזער גליק.

• • •

שוין מיט 2 יאהר צוריק איז שוין אזא פעראייניגונג-פרוב פארגעקומען. ס'איז שוין זאגאר א הסכם אונטערגעשריבען געווארען דורך בן-גוריון און זשאבאטינסקי, דאן איז אבער געקומען א רעוואלטע פון אונטען. די אונטערשטע שיכטען פון דער בעוועגונג האט דעם אבגעווארפען, און די מנהיגים האבען געבויגען די קעפ פאר זייערע מאסען, ריהמענדיג זיך מיט'ן אידעלען רעספעקט פאר דער דעמאקראטיע.

די „דעמאקראטיע" איז דאן ארויס גאנץ, אבער דאס יודישע פאלק, זייערע נאבעלע האפנונגען און דאס יודישע לאנד זענען א דאנק דעם ארויס צובראכען.

יעצט מוז די איניציאטיוו קומען פון אויבען, די פיהרער מוזען אויסאיבען אנ'עטישען און נאציאנאל-יודישען דרוק אויף די פארטייען צו שאפען א שותפות'דיגען פערטיידיגונגס-ראט צו רעטען דאס יודישע פאלק און דאס יודישע לאנד.

• • •

לויט די יודישע געשיכטע האבען זיך אין די גאר לעצטע צייט פאר'ן חורבן (80 יאהר אינגאנצען) געפונען 2 פערזענליכקייטען, ריזען געשטאלטען, וועלכע האבען דאן משפיע געווען אויפ'ן פאלק, דאס זענען געוועזען די 2 בעוואוסטע תנאים אין תלמוד שמאי און הלל.

לויט זייערע השגות, לויט זייער געדאנקען-גאנג און אנשויאונגען זענען דאס געווען ריזען מיט געגענגעזעצטע מיינונגען. די מענטאליטעט און געוועזען א פערשידענארטיגע, דערפון איז ענטשטאנען א גאנצער קאמפלעקס דינים און פראבלעמען, ביי וועלכע די דאזיגע צוויי גיגאנטען זענען פונאנדערגעגאנגען, בעקאנט אונטער'ן נאמען מחלוקת שמאי והלל.

זייער צוגאנג צו אלע פראגען איז געוועזען א געגענגעזעצטע; איינער איז געוועזען שטרענגער, דער צווייטער פונקט פערקעהרט, א גוטמוטיגער, א יודיש פאלקסטימליכער און דאס פאלק האט טאקי געגעבען זיין אנערקענונג דעם גוטמוטיגען און פרידליך-געשטימטען הלל. מעהרסטענטייל איז הלכה כבית הלל.

דאס פאלק האט דאן אויף די שוועל פון חורבן (80 יאהר פארן חורבן) איינגעזעהן, אז דער וועג צו רעטונג איז נאר דער וועג פון שלום, פון אנ'אינערליכען שלום און נישט פון קאמף צווישען יוד און יוד, צווישען ברודער און ברודער, און וועלענדיג דעם געדאנק פאפולאריזירען, האט דאס פאלק אלס סימבאל בעשטימט הלכה כבית הלל, וועלכער האט פראגארירט דעם אינערליכען שלום.

• •

מיר געפונען זיך היינט אויך ווי דאן אין א שווערע תקופה, זאל אונז דאריבער אונזער געשיכטע דינען אלס וועג-ווייזער, אז די איינציגע רעטונג איז דער אינערליכער שלום, דער שלום צווישען יוד און יוד.

דער סימבאל פון הלכה כבית הלל זאל וועקען אונזער היינטיגע פיהרער צו דערפיהרען צו דער געטרוימטער און געגארטער אחדות.

אהרן פרידענטאהל

שווערע קאטאסטראפע ביי קאלקאוו.

צו א מורא'דיגע קאטאסטראפע איז דערגאנגען ביי די סט. קאלקאוו (צווישען וויערזשביק און אסטראוויעץ).

דאס אויטאמאביל קעטשעל פון דער אובעזפיעטשאלניע אין אסטראוויעץ האט איבערגעפיהרט די קראנקע אין בעגלייטונג פון א סאניטארקע אין שפיטאל קיין סטאראכאוויצע.

ביי די סט. קאלקאוו קרייצט זיך די באהן-ליניע מיט דעם שאסע. אויף דעם ארט איז דאס קעטשעל מיט די קראנקע אריבערגעפאהרען די ליניע. אין זעלבען מאמענט איז אנגעפאהרען מיט'ן גאנצען אימפעט דער שנעל-צוג ווארשע—לעמבערג און האט דאס אויטאמאביל-קעטשעל צוזאמען מיט די אומגליקליכע קראנקע צוריבען אויף פיצלעך.

די צוריבענע פיצלעך און שטיקלעך אויטאמאביל האט דער צוג געשלעפט אויף די רעלסען 1½ קילאמעטער.

אינטערעסאנט צו צוגעבען, דאס אין זעלבען אויטא-טאקסי איז געפאהרען א 4-טער קראנקער, וועלכער האט זיך אין דערפעל גראדי 5 מינוט פאר דער קאטאסטראפע ארויסגעגנב'ט פון אויטאמאביל, ווען דאס אויטא קעטשיל האט זיך אויף א פאר מינוט אבגעשטעלט צו פערריכטען עפעס.

אזוי ארום איז דער 4-טער פאסאזשיר וועלכער הייסט יאן קאלוויערסקי ניצול געווארען פון א זיכערען טויט.

אומגעקומען זענען 5 פאסאזשירען די קראנקע, א סאניטארקע און דער שאפער.)

אויפ'ן ארט פון דער קאטאסטראפע איז אנגעקומען דער סטאראסטע. פראקוראר און פארשטעהער פון דער פאליציי.

די רעטונג'ס-אקציע.

די רעטונג'ס-אקציע ווערט געפיהרט אין זעהר א שוואכען טעמפא. א שטיק איז דערין שולדיג דער ברוגז צווישען די קהלה און דעם רעטונג'ס-קאמיטעט, וועלכער איז ארויסגערופען צוליב דעם בעקאנטען קאנפליקט, וועגען וועלכען מיר האבען פאריגע וואך געשריבען.

עס זענען פערהאן נאך פעהלערן אין די אקציע, נאר מיר האלטען זיך פארלויפיג אב צו שרייבען וועגען דעם, ווייל מיר האפען דאך, אז די אקציע וועט אפשר ארויף אויף א גלייכען און ריכטיגען וועג, וואס וועט מיט עפעס קענען לינדערען די נויט פון די דאכלאזע פאמיליעס.

בעזוך פון וואיעוואדא.

דעם היינטיגען זונטאג האט אסטראוויעץ בעזוכט דער קיעלצער וואיעוואדא ד״ר דזיאדאש.

דער בעזוך האט נישט געטראגען קיין אפיציעלען כאראקטער, און לויט ווי מען שמועסט, האט דער ה' וואיעוואדא געוואלט פערזענליך און אינקאגניטא זיך בעקענען מיט די פאלגען פון דער אורבאניסטיק-אקציע.

שאדענס פון לינקס.

שוין 6 וואכען דויערט דער שרייק פון די יודישע טישלערס און קנאפע 2 וואכען — פון די בעקערס.

ביידע שטרייק-אקציעס ווערען אנגעפיהרט דורך א קריסטליכע ארגאניזאציע, וועלכע דערלאזט ביי קיין שום אומשטענדן נישט צו קיין אויסגלייך.

דערווייל דרעהען זיך ארום יודישע בעל מלאכות און הונגערען, און יודישע האנדווערקער - ווארשטאטען זענען פרנסה-לאז.

דער זעלבער קריסטליכער פעראיין טוט גארנישט וועגען די קריסטליכע טישלער און בעקער ארבייטער, וועלכע ארבייטען אין קריסטליכע ווארשטאטען און בעקערייען, וואס זענען 10 פאכיג גרעסער אין די צאהל ווי די יודישע ארבייטער.

מאטעריעליש שטעהען די קריסטליכע ווארשטאטען און בעקערייען אונפערגלייך העכער ווי די ארימע יודישע טישלער און בעקער, געגן וועלכע עס ווערט געפיהרט אזא ברענענדיגער קאמף.

ס'וואלט שוין געווען די העכסטע צייט, אז די סוחרישע און האנדווערקער ארגאניזאציעס, וועמענס אויפגאבע עס איז צו שיצען און שטיצען יודישע סוחרים און האנדווערקער, זאלען מיט טחאטען (און נישט מיט פראזען) פערטיידיגען זייערע פעראָרימטע מיטגלידער און ברידער.

KINO APOLLO

גרויסער פּריהמאַרגען פּראָגראַם
שבת 3 און זונטאג 12 און 1⁴⁵ אַז.
1) NARODZINY Gwiazdy
2) Diabelska ESKADRA
Od poniedziałku
גרויסער פּערדאָפּעלטער פּראָגראַם
אַלס ערשטער פילם
די דאַמע אויף צוויי וואַכען
אַלס צווייטער פילם
ZAUFAJ MI

KINO APOLLO

ביז זונטאג איינשליסליך!
גרויסער פּערדאָפּעלטער פּראָגראַם
אַלס ערשטער פילם
לויט די דערצעהלונג פון פּ. מאָלנאַרא
די דאָפּעלטע חתונה
אַלס צווייטער פילם
BŁĘKITNA ZAŁOGA
מיט דיק פּאַוועלל

וויערזשבניק

נאָך נישט געקומען צו קיין הסכם פון א פּאַרז.

דעם 29\6 האָט די נייע געוועהלטע קהלה געזאָלט איבערנעמען די לייטונג. די געוועזענע קאָמיסאַרישע לייטונג איז אָבער דערויף נישט אייַנגעגאַנגען און נישט דערלאָזט צו קיין הסכם.

אויף דעם 13/7־טען איז דער געוו. פּאַרזיצענדער איינגעפּאָדערט געוואָרען לויטן פּאַראַגראַף 77 פון וואַל־רעגולאַמין, צו רופען א קאָנסטיטואירענדע זיצונג צו וועהלען א פּאַרזיצענדען פון דער פריש געוועהלטע קהלה. אָבער אויך דאָס מאָהל האָט די געוו. לייטונג נישט בעוויזען צושטאַנד צו ברענגען די זיצונג, און דערווייל ווערט קיין שום אַרבייט געפירט. ווי מען אינפאָרמירט אונז וועט די נעכסטע טעג ווערען געלעזען די פראַגע פון א פּאַרזיצענדען.

• • •

אויף דעם 14/7־טען איז דורך דעם היגען פּאָוויאַטאָווען לאַפּפּ גערופען געוואָרען אין מאַגיסטראַט א זיצונג פון 80 יודען צו שאַפען א יודישען קאָמיטעט פון לאַפּפּ אויפן גאַנצען פּאָוויאַט. באַלד האָט זיך א געוויסע טייל דעקלאַרירט אויף 500 זל. דעם 18/7 איז אין לאָקאַל פון דער קהלה גערופען געוואָרען די ערשטע קאָנסטיטואירענדע זיצונג פון יודישען קאָמיטעט, וועלכער בעשטייט פון 20 פּערזאָהן. אין שפּיץ פון קאָמיטעט שטייען ה' אדוו. שטראַמער און ד״ר דראָבנער.

פון רעוויזיאָניסטען זענען פּערטרעטען די ה״ה: שאַרפהאָרץ, יעקב קליינער, יוסף קליינער ג. ראָזענוואַלד, נח פּריד, גוטליב, העלשטיין. אין די נאָנסטע טעג וועט דער קאָמיטעט אָנהויבען זיין טעטיגקייט, צו שאַפען א געוויסען סכום פאַרן לאַפּפּ, ווי מיר האָפען וועט זיך די יודישע באַפעלקערונג דערצו וואַרעם באַציען!

שוין העכער 80 יאָהר שטעהט אין וויערזבניקער מאַרק אַ ראַטהויז וואָס איז דאָס אייגענטהום פון יודען. עס וואוינען דערין ביז 16 פּאַמיליעס און עס געפונען זיך דאָרט אַרום 10 געוועלבער. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט דער מאַגיסטראַט אויפגעפּאָדערט דאָס אָבצוּרוימען, ווייל עס שטערט דאָס שעהנע אויסזעהן פון שטאָדט. עס זענען געווען פיעל אינטערווענצען און עס איז געוואָרען אויפגעהאַלטען׳ נעכטען האָבען די אייגענטימער ווידער בעקומען אַ מעלדונג, אַז ביז׳ן 1־טען אויגוסט דאָס אין גאַנצען אָבצוּרוימען. מען האָט זיך געוואָנדען צום יודישען פּאַרלעמענטאַרישען קלאָב וועגען אינטערווענירען אין מיניסטעריום.

ג. ראָזענוואַלד.

פאַר דער עפענטליכקייט.

דערמיט מאַך איך בעקאַנט וועגען אַ סקאַנדאַליעזען פאַקט, וואָס דאַרף דורך יעדען מענש געשטעמפּעלט ווערען אַלס מעשה נבלה. אַ געוויסער לייזער פישמאַן פון פּאָשאַ 11 מאָהנט ביי מיר 14 זל. געגען וואָס כ'האָב גערעכטע טענות, אַז ס קומט איהם נישט. ער שטעהט אָבער נישט אָב און יאָגט מיך נאָך אין די גאַסען, מאָהנענדיג מיך אויף אַנ'אונדערהערטען אופן. צוויי מאָהל האָט ער מיך געסטראַשעט מיט'ן פּראָקוראָר פאַר וועמען ער וועט מיך אָנקלאָגען פאַר די 14 זלאָטעס. איינמאָהל האָט ער מיך געוואָלט אין גאַס פּאַטשען און דאָס לעצטע מאָהל היינטיגען מאָנטאָג, ווען ער האָט מיך ברוטאַל געמאָנט אין גאַס אין געגענוואַרט פון מענשען און איך האָב איהם רוהיג ערקלערט, אַז איך וויל מיט איהם האָבען אַ דין־תורה און וואָס ס'וועט פּסק'נען, וועל איך בעצאָהלען איז געוועזן זיין ענטפער דאָס, אַז ער האָט מיר אָנגעשפּיגען אַ פול פנים אין די אויגען פון מענשען. דערביי איז געשטאַנען דער ה' מענדעל שמעדרע און נאָך איינער, וואָס איך געדענק נישט זיין נאָמען צוליב די גרויסע עפענטליכע בושה.

אָט דאָס איז דער פּאַרשוין, וואָס אויסער עם הארץ (איך שטעל דאָס פעסט, ווייל איך קען איהם גוט) האָט ער נאָך די אונפערשעמטע חוצפה צו וועלען זיין מ'שטיינסגעזאָגט אַ „רעדאַקטאָר" ביי יודען. עס איז פּשוט לעכערליך און אַנ'עקעלהאַפטע ערשיינונג פון אַזאַ חצוף צו וועלען ערציהען מכלומר'שט די געזעלשאַפט אין זיין אַך און וועה־שטימע דאַן ווען מען דאַרף איהם אַליין אָבגעבען אין אַנ'ערציהונג'ס־אַנשטאַלט צו ערציהען אַלס געוועהנליכען חי וקים.

דער דאָזיגער הפקר'דיגער אָנפאַל מצד אָט דעם פּאַרשוין געגען מיר, אַן עלטערען יוד, וואָס האָט שוין אַזעלכע קינדער ווי ער איז, אָבער בעסער ערצויגענע און מיט מעהר דרך ארץ — וועט זיך געפונען פאַר'ן געריכט. איך האָב שוין פערשידענס מיטגעמאַכט אין מיין לעבען, געהאַט בעציהונגען מיט פערשידענע מענשען אָבער אומעטום אָנגעטראָפען אויף קאָרעקטע בעהאַנדלונג, ווי עס פּערדינט אַ מענש מיט היתר הוראה און מיט השכלה, אויף וואָס ס'קענען עדות זאָגען די ראַדאָמער לומדי'שע און משכילי'שע קרייזען. דאָס איז דער ערשטער פאַל אין מיין לעבען, ווען אַזאַ גראָבער יונג האָט זיך ערלויבט געגען מיר אויף אַזאַ געמיינעם און נידערטרעכטיגען אופן.

שלמה טענענבוים.

בעמערקונג: וועגען זיינע „מעשים טובים" פאַר בוסק און „עזרה" האָב איך אויך עפּעס וואָס צוזאָגען.

דער זעלבער.

נישט פאַרגעקומען די זיצונג.

אויף היינטיגען מיטוואָך האָט מען ערוואַרט א זיצונג פון דער נייער גמינע ־ פערוואַלטונג צו וועהלען א פּרעזעס און וויצע־פּרעזעס. די זיצונג איז נישט צושטאַנד געקומען און מ'האָט די נייע דאָזרעס פון דער פערוואַלטונג אויף אזא זיצונג נישט איינגעלאַדען.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דעם ה' **יאָסעל קורץ**
צוליב'ן טויט פון זיין ליבע מוטער
רחל נ. ע.
זייט געטרייסט און ווייסט נישט מעהר פון קיין צער
פירמע «Meblostyl»
אייגענטימער ברידער ליפשטיין

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
דעם ה' **אברהם בירענבוים** און **פאַמיליע**
צוליב'ן טראַגישען טוידט פון זייער
זוהן און ברודער
יצחק נ. ע.
יעקב דוד ווײַנטרויב.

די ערעפנונג פון נייעם בופעט

דינסטאַג איז געפייערט געוואָרען די ערעפנונג פון נייעם בופעט אין שניידער־צעך אויף וויטאָלדא 10. ס'איז געקומען א היבשער עולם, וועלכער איז געווען ענטציקט פון די סערווירטע מאכלים און געטראַנקען.

ס'איז געווען גלייכצייטיג א דאַנסיגנ און דער עולם האָט זיך געוויילט אונטער די קלאַנגען פון א שענעם אָרקעסטער.

דער בופעט ווערט געפיהרט פון פּאַריזער פּראָפעסיאָנעלען קאָך־מייסטער זילבערמאַן.

5

OGŁOSZENIE.

Lubelsko-Łódzka Spółka Samochodowa zawiadamia, iż z dn. 22 czerwca b. r. została uruchomiona
komunikacja autobusowa
między **LUBLINEM a ŁODZIĄ**
przez **RADOM**
w luksusowych 30 miejscowych autobusach.

Autobusy te kursują punktualnie i dokładnie na czas przybywają do wyznaczonych miejscowości.

Z LUBLINA autobus wychodzi o godzinie 5 min. 15 rano do **Radomia** przybywa o godź 8-ej min. 30 **odchodzi do Łodzi o godż 9-ej min. 15.** do Łodzi przybywa o godz. 13 min. 45, a odchodzi do **Radomia z Łodzi** o godzinie 7-ej minut 30 rano.

Jak na czas letni jest to komunikacja najprzyjemniejsza i najwygodniejsza.

Każdy Radomianin winien we własnym interesie wykorzystać tę komunikcję.

Z **Radomia** autobus idzie przez Przytyk, Odrzywół, Nowe miasto Rawę Mazowiecką, Jeżów, Brzeziny do Łodzi.

LUBELSKO - ŁÓDZKA
Spółka Samochodowa

Szyboszlif
RADOM
Żeromskiego 20
Telefon 23-20

POLECA:
Lustra
Szkła szlifowane
Szyby

LEKARZ DENTYSTA
G.
Drobner
WIERZBNIK
ul. Piłsudskiego 1
STARACHOWICE
ul. Piłsudskiego 158
przyjmuje od 8-1 i 3-7

בילינסטע קוועל
פון דרוק־אַרבייט
ווילסט איר האָבן סאָלידע אַרבייט
ווילסט איר האָבן הערליכע דרוק
מיט די נייעסטע מאָדערנע שריפטן
צו ביליגע פּרייזען
בעשטעלט נור אין דרוקעריי
פון ד. שיינבוים
ראַדאָם, זשעראָמסקי 21
געדענקט דעם אדרעס:
פריהער זשעראָמסקי 9
היינט זשעראָמסקי 21

Jeśli mydło, to mydło «Trójka»

Kino ADRIA
Do niedzieli dnia 24 lipca włącznie
Wspaniały podwójny program.
1) Wstrząsający dramat p. t. «Cienie Paryża»
W rol. gł. Adolf Wohlbruk i Ruth Chatterton.
2) Sensacyjny film p. t.
„Pod cudzym nazwiskiem"
W rol. gł. George O'Brien i Beatrice Robers

Kino ADRIA
שבת דעם 23 — 1 און 3 אַז.
זונטאַג דעם 24 — 12 און 2 אַז.
פּריהמאַרגען ־ פילמען
Wielki sensacyjny film p. t.
„Perły i Serce"
W rol. gł. Nino Martini i J. Fontaine
Nad program Tygodnik P.A.T. i kolorowy dodatek

אַכטונג קעלץ!
אין אַלע רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע ־ ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגן מיט אונזער מיטאַרבייטער
ק. ביינוואַל

שריפטליך יען מען זיך ווענדען:
Red. „Radomer - Kielcer - Leben"
Kielce, ul. Warszawska 2.

אַבאָנאַמענטס פּרייז:
פאַר א חודש אין פוילען זלאָט
אין פראַנקרייך, בעלגיען 4 פראַנק
אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

TARYFA OGŁ.:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr.
w tekscie mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.

1-sza i ostatnia strona liczą 10 szpalt.

Radaktor CH. M. HERC
tel. 15 - 18 .טעל
Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Radom [illegible]